# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ויחי

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבען

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com


ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

באר"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

יו"ל ע"י מכון באר אמונה



2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# תוכן הענינים

## פרשת ויחי


לישועתך קויתי ה' - די ישועה קומט דורך 'קויתי'.......................................ב

אלקים חשבה לטובה - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען...............................ה

חזק חזק ונתחזק - זיך כסדר מחזק זיין אין יעדע מצב....................................ט

אנכי אכלכל אתכם - דורך מיטפילן מיט יענעמ'ס צער קען מען איהם ריכטיג העלפן...............יד



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד:**

shwrtz@bezeqint.net

# פרשת ויחי

## לישועתך קויתי ה' - די ישועה קומט דורך 'קויתי'

אין דער היינטיגער סדרה (מט, יח) לייענען מיר: 'לישועתך קויתי ה''.

'**פרשה** זו יפה נדרשת'. די דאָזיגע פרשה ווערט גוט גע'דרש'ענט אין די הלכות פון האָפען צו דעם אויבערשטען. דער בוכ"ע האָט אונז געגעבן אַ גוטע מתנה, אַז אין יעדע צרה ח"ו, זאָלן מיר האָפן און אַרויסקוקן צו דעם אויבערשטען, מיט אמונה אַז ער איז דער 'כל יכול', ער קען אונז העלפן אַסאַך אָדער ווייניג. 'הוא אלוקינו הוא אבינו, הוא מלכינו הוא מושיענו, והוא יושיענו', און ער וועט אונז העלפן און אויסלייזן פון אַלע אונזערע צרות און פּראָבלעמען. 'להודיע שכל קויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך'[א].

**אַזוי** טוט דוד המלך ע"ה זיך כסדר אויסשמועסן (תהלים לב, י) 'והבוטח בה' חסד יסובבנו'. 'באלוקים בטחתי לא אירא, מה יעשה אדם לי' (שם נו, יב). 'אך לאלוקים דומי נפשי כי ממנו תקוותי, אך הוא צורי וישועתי משגבי לא אמוט' (סב, ו-ז). 'הושע עבדך אתה אלוקי הבוטח אליך' (פו, ב)[ב].

---

**א.** מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע מעשה פון הרב מענדל פּאָלאַק שליט"א פון בני ברק, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין עלטער-מומע, מרת מאַרקאָוויטש (אַ שוועסטער פון זיין זיידן, הרה"ח ר' אליעזר פרידמאַן פון בני ברק, וועלכער איז נפטר געוואָרן עטליכע יאָר צוריק, אין עלטער פון 102 יאָר), אין די ביטערע צייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה, ווי פאָלגענד:

ווען די דייטשע רשעים זענען אַריינגעקומען אין זייער שטעטל אין אונגאַרן, האָבן אַלע אידן געציטערט מיט אַ שרעקליכן פּחד, וויסנדיג וואָס עס קען זיין חלילה זייער גורל. די אויבן-דערמאנטע מרת מאַרקאָוויטש הנ"ל איז געשטאַנען בשעת די סעלעקציע, און זיך איינגע'חזר'ט איין מאָל און נאָך אַמאָל 'לישועתך קויתי ה'... לישועתך קויתי ה'...'. דער דייטשער 'עס עס' מאַן וואָס איז דאָרט געשטאַנען, האָט געהערט וואָס זי זאָגט.

וויבאַלד איר אויסשפּראַך איז געווען אַזוי ווי אין אונגאַרן, האָט זיך עס געהערט ווי זי זאגט 'קע-ויתי' (דער דגוש אויפ'ן אות ק'), וואָס אויף אונגאַריש באַדייט דאָס דאָזיגע וואָרט, 'ווער וועט מיך פון דאָ אַרויסנעמען'.

אַלזאָ, דער רשע, וואָס האָט - זעלבסט-פאַרשטענדליך - נישט פאַרשטאַנען 'לשון הקודש', האָט געטראַכט ביי זיך, אַז זי זאָגט כסדר איבער 'ווער וועט מיך אַרויסנעמען פון דאָ... ווער וועט מיך אַרויסנעמען פון דאָ'... ער האָט זיך אביסל דערבאַרימט אויף איר, און האָט זיך אָנגערופן, 'איים קויתיהעם'... דאָס מיינט, איך וועל דיך אַרויסנעמען פון דאָ. דאַן האָט ער איר געזאָגט, 'איך וועל זיך מאַכן אַזוי ווי איך זעה נישט, און אַנטלויף פון דאָ ווי וויט דו קענסט'...

כך הוה. דער גוי האָט איר נישט 'געזעהן', און זי איז שנעל אַנטלאָפן, ווי מ'זאָגט, 'מיט די נשמה אין די הענט'. זי איז אָנגעקומען אין אַ גוי'שע וועשעריי ('לאָנדרי'), וואו זי איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אַרבעטער ביז'ן סוף פון די מלחמה. זי איז געבליבן כמעט איינער אַליין פון די גאַנצע משפּחה! נאָך די מלחמה איז זי געפאָרן קיין אַמעריקע, וואו זי האָט אויפגעשטעלט אַ משפּחה לשם ולתפארת, בלי עין הרע, **און אַלעס אין זכות פון יענעם 'לישועתך קויתי ה''.**

קומט אויס, אַז זי האָט געזאָגט 'לישועתך קויתי', פאַר דעם אויבערשטען, און יענער 'קויתי' האָט אויפגעטוהן די גוטע פּעולה, און גורם געווען אַז דער אויבערשטער זאָל הערן איר ווייגעשריי, און מיט זיין השגחה פּרטית האָט יענער 'קויתי' איר אַרויסגענומען און געראַטעוועט.

**ב.** אַזוי טייטשט דער מלבי"ם זצ"ל דעם פּסוק 'הושע עבדך', העלף דיין קנעכט. 'אתה אלוקי הבוטח אליך' - **ווען ער פאַרזיכערט זיך אויף דיר. ווייל עס איז פאַר דעם כבוד פון דיין נאָמען ווען דו העלפסט די מענטשן וואָס פאַרזיכערן זיך אין דיר**, עכ"ל. דאָס הייסט, אַז עס איז אַ כבוד פאַר דעם אויבערשטען און אַ קידוש השם ווען ער העלפט אַלע וואָס פאַרזיכערן זיך אויף איהם.

קומט אויס, אַז דוד המלך ע"ה, וועלכער האָט אַליין געוועזן גאָר אַסאַך געליטן, לערנט אונז די גאַנצע צייט ווי אַזוי אַריבערצוגיין בשלום דאָס לעבן פון צרות און יסורים, דורכ'ן האָבן בטחון אין דעם אויבערשטען.

**בטחון** איז די מנוחת הנפש פונעם מענטש, עס איז די אָנלייגער פאַר א מענטש, און עס ברענגט אויך די פולשטענדיגע ישועה. ממילא, טאָר דער מענטש זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין, ווייל אפי' אויב זיין צרה איז גרויס ח"ו, איז דער אויבערשטער כביכול גרעסער פון די צרה, און ער וועט דיך אַרויספירן און ראַטעווען פון די צרה, 'מאפילה לאורה', אבער, האָב נאָר שכל צו זאָגן, לישועתך קויתי ה'[ג]. זיך צו פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען[ד], און זיך אָנלענען אויף איהם.

**ג.** מ'פירט זיך צו זאָגן דריי מאָל דעם פסוק 'לישועתך קויתי ה'', און יעדעס מאָל, לויט אַן אַנדערן סדר: 'לישועתך קויתי ה', קויתי ה' לישועתך, ה' לישועתך קויתי'. די כוונה דערפון איז, ווייל מיר זאָגן צו דעם מענטש, **אויף וועלכן וועג דו וועסט זיך דרייען, און אויף יעדע זייט דו וועסט זיך ווענדן, וועסטו דאַרפן אָנקומען צו די ישועה פון באַשעפער, ממילא, זאָלסטו אייביג האָפן צו איהם.**

אויף אַן אַנדערן אופן, זאָגן די ספרים, אַז דאָס איז אַ רמז פאַר דעם וואָס געפינט זיך אין אַ קלעם. אפילו אויב דו זעהסט נישט קיין שום טירל פאַר אַ ישועה, זאָלסטו וויסן אַז דאָס קען קומען פון איין זייט, אָדער פון אַן אַנדערער זייט, אָדער גאָר פון אַ דריטע זייט.

ס'איז כדאי צו ציטירן דאָ פון אַ 'בריוו', וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונזערס אַ באַקאַנטן פאַריאָר, אין צייט פון דער מלחמה אין ארץ ישראל, וואָס שרייבט ווי פאָלגענד:

'צוליב די מלחמה, איז שוואַך געוואָרן דער אַרבעט אין דעם פלאַץ וואו איך אַרבעט, און מ'האָפט אויף אַ ישועה. יעדן דריטן, צענטן און צוואַנציגסטן פון חודש למניינים (דאָס זענען די טעג ווען עס קומט אָן דער 'סטעיטמענט' פונעם קרעדיט קאַרד, און אַנדערע בילס) האָב איך אַ 'עקזיסטענץ-מלחמה', וואָס נעמט אויך אריין די נויט צו באָרגן געלט פון מיינע פריינט'.

## מן הבאר

מיר זאָגן יעדן טאָג, 'הנותן **לשכוי** בינה להבחין בין יום ובין לילה'. דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז דער חידוש אַז דאָס הינדל פאַרשטייט דעם חילוק צווישן טאָג און נאַכט? אַלע חיות און בהמות פאַרשטייען אַז דער טאָג איז אַנדערש ווי די נאַכט?

איז דער תירוץ, די אַנדערע חיות ווייסן אַז ס'איז לעכטיג אויף דער וועלט, נאָר ווען זיי זעהען שוין די שיין פונעם טאָג, אָבער דאָס הינדל **פאַרשטייט ווען עס איז נאָך פינצטער** אינדרויסן, אַז עס וועט ווערן לעכטיג, און ער קרייעט שוין ווען עס איז נאָך נאַכט.

דאָס קען דינען אַלס אַ לימוד פאַר אונז, מיר זאָלן זיך נישט דערשרעקן ווען עס איז 'טונקל' ח"ו, יעדער איינער אויף זיין אופן, נאָר מען זאָל וויסן און זעהן **שוין יעצט** די לעכטיגקייט וואָס איז אָנגעגרייט צו קומען, און דאס וועט אונז ברענגן די ברכה.

'מאָנטאָג פרשת מקץ (תשפ"ד) איז שוין געווען דער עלפטער טאָג פונעם חודש (אַ טאָג נאָך דעם צענטן), און איך האָב געדאַרפט באַצאָלן אין באַנק 40 טויזנט שקלים, כדי אָנצופילן דעם 'לאָך' פונעם קרעדיט-קאַרד, וואָס איך האָב נעכטן געדאַרפט דעקן. ביין איך געפאָרן באַלד אינדערפרי קיין מירון, מתפלל צו זיין ביים ציון פון דעם תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, וואו איך האָב געדאַוונט שחרית, און נאָך שחרית בין איך צוגעגאַנגען צום 'ציון', און מתפלל געווען פון טיפן האַרצן'.

'איך האָב געזאָגט צו דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי: רבי שמעון, איך דאַרף האָבן היינט, ביז סוף טאָג, 14 טויזנט שקלים... איך האָב שוין געבאָרגט געלט פון אַלע מיינע חברים, און איך האב ממש נישט פון וואו צו באַקומען דעם דאָזיגן סכום. איך האָב נישט פון וועמען צו בעטן. אַלע וועגן פון השתלדות האָבן זיך מיר שוין אויסגעלאָזט, און איך בעט דעריבער, אַז רבי שמעון זאָל מיר ערלעדיגן דאָס געלט, אַז דער חוב זאָל געדעקט ווערן אין באַנק, ער זאָל אויס'פועל'ן אין הימל אַלעס וואָס ער קען'...

'און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן דעם טאָג, קעמפנדיג אין אַ מלחמה מיט זיך אַליין, צי איך זאל פּרובירן שאַפן געלט, אָדער האַלטן זיך ביי מיין 'קבלה', נישט זיך צו ווענדן צו קיינעם. איך האָב זיך, ברוך השם, געהאַלטן פעסט, און איך האָב זיך נישט געוואָנדן צו קיינעם, מיט אַ השתדלות צו שאפן דאָס געלט'.

'פאַקטיש, האָט מען פון הימל מיר געוויזן גאָר וואונדערליכע ניסים. איינס אַזייגער נאָכמיטאָג, האָט צו מיר טעלעפאָנירט מיינער אַ קליענט וואָס איז מיר שולדיג געווען פופציג טויזנט שקלים מער ווי אַ האַלבע יאָר, און איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט איהם נאָכלויפן נאָכ'ן געלט, זעהענדיג אַז די 'מאָנונגען' העלפן נישט. און דאָ האָט ער זיך אַליין געוואָנדן צו מיר, און געזאָגט: איך האָב ביי מיר 14,300 שקלים (נאָנט צו אַ פערטל פונעם חוב), זאָג מיר וואו איך קען עס דיר אַריבערשיקן... איך האָב איהם געגעבן דעם נומער פון מיין קאָנטע אין באַנק, און ביז אַ קורצע צייט האָט דער 'לאָך' אין באַנק זיך אָנגעפילט, און איך האָב געזעהן מיט מיינע אויגן דעם כח פון תפילה, און דעם כח פון אמונה'.

דער גאון רבי זלמן סאָראָצקי זצ"ל שרייבט ('אזנים לתורה', פ' ואתחנן, ד"ה 'כה' אלוקינו בכל קראינו אליו'), **אַז וואָס מער** דער מענטש האָפט צו דעם אויבערשטען, איז ער נענטער צו איהם. וועגן דעם שטייט ביים ערשטן מאָל, 'לישועתך קויתי ה"' - דער שם הוי' ב"ה איז דער דריטער וואָרט אינעם פסוק. ביי דעם צווייטן מאָל ('קויתי ה' לישועתך') איז שוין דער שם הוי' דאָס צווייטע וואָרט, און ביים דריטן מאָל, קומט דעם אויבערשטען'ס נאָמען פאַר די אַנדערע צוויי ווערטער ('ה' לישועתך קויתי'). דאָרט איז דעם אויבערשטען'ס נאָמען שוין געשטעלט געוואָרן 'אויבנאָן', ווייל **וואָס מער מ'האָפט צו דעם אויבערשטען, ווערט מען, נענטער צו איהם.**

עס ווערט געברענגט אַז הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט אַמאָל געזעהן ווי אַ איד איז זייער טרויעריג. ווען ער האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז צוגעלייגט, האָט דער איד געענטפערט מיט אַ שילדערונג איבער זיין שווערן מצב. האָט דער קאָברינער איהם געזאָגט: ווען אַ איד געפינט זיך אין אַן ענגשאַפט, דאַרף ער זאָגן 'לישועתך קויתי ה"'. אויב זיין מצב ווערט ערגער, דאַרף ער זאָגן 'קויתי ה' לישועתך', און אויב דער מצב ווערט נאָך ערגער ח"ו, זאָל ער זאָגן 'ה' לישועתך קויתי'. ('תורת אבות', מעשי אבות)

דער גאון רבי שלמה קאַליש זצ"ל (אַ ברודער פון הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע), האָט דערציילט אַז ער איז אַמאָל געווען ביי דעם גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל ביי שלש סעודות, און ער האָט געהערט ווי **רבי חיים חזר'ט איבער מיט התלהבות אין משך פון 20 מינוט, די ווערטער 'לישועתך קויתי ה', קויתי ה' לישועתך, ה' לישועתך קויתי'...** (ספר הזכרון 'זכרון שלמה')

דער כלל איז, אַז דער מענטש דאַרף כסדר חזר'ן דעם פסוק לישועתך קויתי ה', און איינוואָרצלען אין זיך אין יעדן מצב, צו טרעפן האָפענונג צום באַשעפער. דורך דעם וועט ער באמת געהאָלפן ווערן פון אַלע זיינע צרות, על דרך ווי מיר זענען 'מעביר סדרה' די פּרשת השבוע, 'שנים מקרא ואחד תרגום', וואָס מיט דעם איז מען מרמז אַז מ'לייענט עס איין מאל, און דערנאָך לייענט מען נאָך אַמאָל, און שפּעטער זעצט מען עס איבער פאַר זיך אויף 'די אייגענע שפראך', און אַזוי אַרום גייט עס אריין איןביינער, און מ'פארגעסט עס נישט. אַזוי דאַרף מען זאָגן 'לישועתך', און זיך גוט איינטייטשן פון דעם מצב וואו מ'געפינט זיך, צו זעהן ווי ער טוט טאַקע אַרויסקוקן אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען. דאַן זאָל ער עס איבער'חזר'ן אַ צווייטן מאָל, און אַ דריטן מאָל, ביז עס וועט ווערן גוט איינגעקריצט אין זיינע ביינער...

דער 'שערי תשובה' שרייבט (סוף סי' קיח) אין נאָמען פון מהר"י צמח ז"ל, אז ער האט אין זינען ווען ער זאָגט די ווערטער 'כי לישועתך קוינו כל היום', צו האָפען אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען וואָס ער טוט מיט אונז, אונז צו ראַטעווען פון אַלע פגעים רעים יעדע סעקונדע פונעם טאָג, און **עס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין א גרויסע תועלת אין זמנים וואס מען האט זיך גענויטיגט אין א ישועה.**

גאָר אַ באַ'טעמ'ט פשט ברענגט הגה"ק החיד"א זי"ע (אין זיין ספר 'אצבע קטנה', סדר תפילת שמונה עשרה), אויפ'ן נוסח פון די ברכה 'את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח וקרנו תרום בישועתך, **כי** לישועתך קוינו כל היום'. איז שווער, וואָס פאַר אַ נתינת טעם איז דאָס. ממה נפשך, אויב מיר זענען ראוי צו די ישועה, צו וואָס דאַרף מען אַ נתינת טעם פון 'לישועתך קוינו'. מיר זענען דאָך סיי-ווי ראוי אויסגעלייזט צו ווערן. און אויב מיר זענען נישט ראוי, וואָס פאַר אַ פאַרדינסט האָט מען פון דעם וואָס 'קוינו כל היום'...

אַזוי זאָגן חז"ל (מנחות כט:) אויף'ן פסוק (ישעיה כו, ד) 'בטחו בה' עדי עד כי בי-ה ה' צור עולמים': 'כל התולה בטחונו בהקדוש ברוך הוא, הרי הוא לו מחסה בעולם הזה ובעולם הבא'. דער מענטש וואָס פאַרזיכערט זיך אויף דעם אויבערשטען, איז דער אויבערשטער זיין שוץ אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דער מענטש וואָס לעבט אויף אַזאַ אופן, האָט אַ גוט לעבן אויף דער וועלט, ווייל די וועלט איז דאָך פול מיט ווייטאָגן און שוועריגקייטן. אַ מענטש וואָס האָט נישט אין זיך די דאָזיגע 'האָפענונג', איז אַזוי ווי איינער וואָס זיצט אין אַ פינצטערע תפיסה ח"ו, אָבער די האָפענונג און דער בטחון אין דעם אויבערשטען, איז אַזוי ווי מ'עפענט פאַר איהם גרויסע פענצטערס אין די תפיסה, וואָס פון דאַן און ווייטער שיינט און לייכט אין יעדן ווינקל. די גאַנצע פינצטערניש ווערט בטל, גלייך ווי עס וואָלט קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

### אלקים חשבה לטובה - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען

אויף דעם פסוק אָנהייב פרשה (מז, כח) 'ויחי יעקב בארץ מצרים' וגו', זאָגט רש"י, 'למה פרשה זו סתומה, לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד'.

איז שווער, חז"ל זאָגן (סדר עולם רבה ג, רש"י שמות ו, טו) אַז אַזוי לאַנג ווי איינע פון די שבטים האָט געלעבט, האָט זיך נישט אָנגעהויבן דער שעבוד פון די אידן אין מצרים. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט רש"י, אַז באַלד נאָך דעם ווי יעקב אבינו ע"ה איז נסתלק געוואָרן זענען די

---

ענטפערט דער חיד"א, אַז באמת איז דער מענטש מחויב צו האָפן און אַרויסקוקן אויף א ישועה, ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין צז:) אַז דאָס אַלעס איז כדי צו באַקומען שכר, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ל, יח) 'אשרי כל חוכי לו', און עס שטייט אין מדרש (ילקוט תהלים), אַז אַפילו אויב די אידן האָבן נישט קיין שום זכות, נאָר בלויז די האָפענונג, זענען זיי ראוי אויסגעלייזט צו ווערן, אַלס שכר פאַר זייער האָפענונג...

דאָס זאָגט דער פסוק, 'לישועתך קויתי ה'', ווייל כדי זוכה צו זיין צו די ישועה, האָב איך געהאָפט צו דיר, ווייל **דורך די האָפענונג, בין איך זוכה צו דיין הילף.**

דאָס איז אויך די כוונה פון אונזער תפילה, 'את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח, וקרנו תרום בישועתך'. איי, וועסטו פרעגן, מיר האָבן דאָך נישט דעם נויטיגן זכות זוכה צו זיין צו די ישועה? אויף דעם זאָגן מיר, 'כי לישועתך קוינו' - דאָס הייסט, אַפילו אויב מיר האָבן נישט קיין זכותים, אָבער 'לישועתך קוינו כל היום', און **צוליב די האָפענונג אַליין איז שוין כדאי אַז מיר זאָלן געהעלפן ווערן.**

מ'דערציילט בדרך צחות, אַ מענטש איז אַריינגעקומען 12 אַזייגער מיטאָג, אין די באַקאַנטע 'שטיבלעך' אין דער זכרון משה געגנט פון ירושלים, און ער האָט געמאַכט הויך אויף'ן קול די ברכה פון 'הנותן לשכוי בינה'. האָט עמיצער איהם געזאָגט: ר' איד, מ'האָט דאָך שוין לאַנג געשאָכטן דאָס הינדל וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם חילוק צווישן טאָג און נאַכט... דאָס הייסט, ווי געזאָגט, ווען די זון שיינט אינמיטן טאָג, איז נישט קיין 'חכמה' צו וויסן אַז ס'איז טאָג... די גרעסטע 'חכמה' איז ווען מ'דערקענט ווען ס'איז נאָך נאַכט, אַז אָט-אָט דערנענטערט זיך דער טאָג...

**ד.** דער בטחון דאַרף זיין נאָר אין דעם אויבערשטען, נישט זיך צו פאַרלאָזן אויף אַ מענטש, אָדער אויף אַנדערע זאַכן.

אַזוי שרייבט דער 'כתב סופר' (פ' ויחי, ד"ה 'לישועתך') אַז ווען יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן אין די נבואה די גבורה פון דן (פון שמשון הגיבור, וועלכער האָט געשטאַמט פון שבט דן), האָט יעקב געזאָגט: מ'טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף די שטאַרקייט פון אַ ילוד אשה, ווייל נישט די גיבורים פירן די מלחמה, נאָר דער אויבערשטער. און טאַקע אויף דעם האָט יעקב אבינו ע"ה אויסגעפירט: לישועתך קויתי ה'. איך האָף און קוק אַרויס אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען, און איך פאַרלאָז זיך נישט אויף די הילף פון אַ מענטש. ענליך שטייט אין ספר 'בית אהרן' (להגה"צ רבי שלמה זלמן הארָאוויץ זצ"ל, אבד"ק פאטיק), אַז יעקב האָט געזאָגט 'לישועתך קויתי ה'', וויבאַלד ער האָט זיי פריער געבענטשט מיט גרויסע גבורות: 'גור אריה יהודה', 'יהי דן נחש עלי דרך', 'בנימין זאב יטרוף', קענען די שבטים קומען צו טראַכטן אַז זיי קענען זיך פאַרלאָזן אויף זייער אייגענע שטאַרקייט. וועגן דעם **האָט יעקב אַריינגעגבן אַ תנאי: 'לישועתך קויתי ה''**... נאָר ווען זיי וועלן האָפען און זיך פאַרזיכערן אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען, אַז ער איז דער וואָס העלפט זיי מיט זייערע גבורות און נצחונות, וועלן אַלע ברכות וואָס ער בענטשט זיי, פולשטענדיג מקוים ווערן.

אויגן און די הערצער פון די אידן פאַרשטאָפּט געוואָרן פון די צרה פונעם שעבוד?

**ענטפערט** דער דעעשער רב, הרה"ק בעל 'מעגלי צדק' זי"ע, ווייל חז"ל זאָגן (און מיר זאָגן עס פסח ביינאכט אין די הגדה), אויף דעם פסוק 'וירד מצרימה לגור שם', מלמד שלא ירד יעקב אבינו להשתקע במצרים, אלא לגור שם, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מז, ד) 'ויאמרו אל פרעה לגור בארץ באנו כי אין מרעה לצאן אשר לעבדיך, כי כבד הרעב בארץ כנען'. אויב אַזוי, פאַרוואָס זענען די שבטים נישט צוריקגעגאַנגען קיין ארץ ישראל, נאָך די פטירה פון יעקב אבינו? בשלמא כל זמן יעקב האָט געלעבט, האָבן זיינע קינדער איהם נישט געוואָלט מטריח זיין אויף די עלטערע יאָרן צוריקצוגיין קיין ארץ ישראל [בפרט נאָך, אַז דער אויבערשטער האָט איהם באַפוילן אַראָפּצוגיין קיין מצרים], אָבער נאָך זיין פטירה, ווען זיינע קינדער זענען אַרויפגעגאַנגען קיין ארץ ישראל כדי איהם צו באַגראָבן אין די מערת המכפלה - פאַרוואָס זענען זיי דעמאָלט צוריקגעגאַנגען קיין מצרים, און זענען נישט געבליבן אין ארץ ישראל? זיי האָבן דאָך אַליין געזאָגט אַז זיי זענען נאָר געקומען קיין מצרים, ווייל זיי האָבן געדאַרפט פאַשען זייערע שאָף און זיי האָבן נישט געהאַט קיין תבואה, אָבער נאָך דעם ווי דער הונגער האָט זיך געענדיגט, האָבן זיי דאָך שוין געקענט בלייבן אין ארץ ישראל?

**איז** דער תירוץ, אַז מ'מוז בעל כרחך זאָגן, אַז ס'איז געוועזן דער רצון פונעם אויבערשטען צו פאַרשטאָפּן זייערע אויגן און זייערע הערצער, ווייל פון הימל איז אַרויס אויף זיי אַ גזירה צו זיין משועבד אין לאנד מצרים. צוליב דעם האָט מען פאַרהוילן פון זיי זייערע אייגענע ווערטער, און זיי אַליין האָבן פאַרגעסן די סיבה פאַרוואָס זיי האָבן אַראָפּגענידערט קיין מצרים, אַז ס'איז געוועזן צוליב דעם הונגער.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער פון רש"י, אַז יעקב אבינו איז נסתלק געוואָרן, אויב אַזוי, פאַרוואָס זענען די שבטים צוריקגעקומען קיין מצרים? אויף דעם זאָגט רש"י, אַז וויבאַלד 'נסתמו עיניהם ולבם של ישראל' - און זיי זענען דאָרט געבליבן אָן אַ סיבה און אָן אַ טעם, און זיי האָבן זיך אינגאַנצן נישט מתבונן געווען דעריין. פאַרוואָס? - מצרת השעבוד: וויבאַלד דער אויבערשטער האָט גוזר געווען אַז זיי זאָלן זיין משועבד צו פרעה אין מצרים[ה].

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר אונז אין אַלע דורות, אַז מ'דאַרף געדענקען אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, צוצוברענגען יעדע זאַך לויט ווי ער האָט גוזר געווען. 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'[ו], און אויך ווען דער מענטש מאַכט אַ 'טעות', איז עס נאָר פון דעם אויבערשטען. מ'טאָר עס נישט אָנהענגען אַז עס האָט פּאַסירט צוליב אַ 'טעות' וואָס ער האָט פריער געמאַכט, און טראַכטן ביי זיך, אויב איך וואָלט

---

**ה.** דער ווייצענער רב, הגה"צ רבי צבי הירש מייזליש זצ"ל, שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר 'מקדשי השם' (קונטרס 'זר זהב', אות קלז): מ'האָט געזעהן אַ וואונדערליכע זאַך אין צייט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, אַז רובא דרובא פון אחינו בני ישראל האָבן נישט געטוהן קיין שום השתדלות זיך צו ראַטעווען פון די הענט פון די דייטשע מערדער ימח שמם. זיי האָבן געגלייבט די נאַציישע ליגנס אַז מ'פירט די אידן נאָר צו די 'אַרבעט', און אַז זיי זוכן נישט אומצוברענגען אידן ח"ו.

ווען מ'איז אָבער אָנגעקומען קיין אוישוויץ און מ'האָט דאָרט געזעהן דעם ביטערן חורבן, זענען אַלע געווען ערשטוינט. 'לב יודע מרת נפשו', **ווי אַזוי האָט מען זיך געלאָזט פאַרבלענדן די אויגן, און גיין 'כצאן לטבח יובל'?**

שרייבט ער: איך פלעג ארום גיין רעדן דברי חיזוק, אַז וויבאַלד אַלע צרות זענען דער סוף פון די 'חבלי לידה', צוליב דעם האָט מען צוגעפירט פון הימל מיט די השגחה עליונה, אַז אידן זאָלן נישט זעהן און נישט שפירן בכלל.

**ו.** מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם בעל העובדא: ער פירט זיך אַרומצוגיין יעדן טאָג איבער די בתי מדרשים כדי מזכה צו זיין אידן מיט די מצוה פון צדקה. ער שטעלט צוזאַמען יעדן טאָג צווישן 700 און 800 שקלים. אין די ווינטער-חדשים, גייט ער נישט פרייטאָג נאָך געלט, צוליב דער פריער זמן פון שבת קודש.

**פרייטאָג פרשת מקץ תשפ"ד**, האָט ער געוואָלט גיין דאַווענען שחרית מיט אַ מנין וואָס הייבט אָן דאַווענען 8:15, אָבער וויבאַלד ער האָט אַביסל פאַרשפּעטיגט, האָט ער זיך געשטאַרקט צו דאַווענען מיט'ן קומענדיגן מנין,

נישט געטוהן אַזוי און אַזוי, וואָלט איך נישט שאָדן געהאַט[ז], ווייל דאָס איז געדאַנקען פון כפירה[ח], נאָר אדרבה, וויבאַלד דער אויבערשטער האָט געוואָלט ברענגען אויפ’ן מענטש דאָס וואָס ער האָט אויף איהם גוזר געווען, האָט ער צוגעפירט אַז דער מענטש זאָל פריער מאַכן דעם ’טעות’.

---

אַביסל שפּעטער, כדי צו קענען דאַווענען געהעריג. דער אויבערשטער האָט איהם צוגעשיקט אַ גליון ’באר הפרשה’ פון אַ וואָך פריער - פרשת וישב, וואו מיר האָבן געברענגט די ווערטער פונעם רמב״ן ז״ל וואָס ער שרייבט, **’הגזירה אמת וההריצות שקר’**, און מיר האָבן דאָרט ברייטער ערקלערט דאָס ענין אַז די השתדלות העלפט נישט אַפילו מיט אַ משהו, נאָר דער מענטש פאַרדינט געגוי אַזוי פיל וויפיל ס’איז איהם באַשערט פון הימל, נישט מער, און נישט וויניגער. האָט ער געטראַכט ביי זיך, אַז ער גלייבט טאַקע אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס שפּייזט די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע באַשעפענישן, אָבער ווי אַזוי איז מעגליך אַז ער זאָל באַקומען דעם זעלבן סכום געלט אויך אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן האָרעווען דערויף. פון וואו וועט ער באַקומען אַכט הונדערט שקלים, אויב ער וועט נישט ארומגיין און בעטן נדבות...

## מן הבאר

עס שטייט אין ספר ’טעם ודעת’, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, **’האלוקים הרועה** אותי מעודי עד היום הזה, **המלאך הגואל** אותי מכל רע’ (מח, טו-טז): די גמרא זאָגט (פסחים קיח.) אַז פרנסה איז שווערער ווי די גאולה, ווייל ביי די גאולה זאָגט דער פסוק **’המלאך הגואל** אותי’, און ביי פרנסה, שטייט **’האלוקים הרועה’** - דער אַליין דאַרף שפּייזן. קומט אויס, אַז די ווערטער ’האלוקים הרועה’ גייען אויף פרנסה.

שרייבט ער, אַז דער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער ווערט אָנגערופן ביי פרנסה מיט’ן נאָמען ’רועה’ - אַ ’פּאַסטוך’, ווייל פונקט אַזוי ווי די שאָף האָבן נישט קיין אַנונג פון וואו עס וועט קומען זייער שפּייז. זיי קוקן אַרויס צו דעם פּאַסטוך, אַז ער וועט שוין זאָרגן אַז זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן און פון וואָס צו לעבן, דאָס זעלבע איז לגבי די פרנסה. פון איין זייט, זעהט מען אַז ’לא לחכמים לחם’ - עס זענען דאָ קלוגע מענטשן וואָס פאַרשטייען גוט ווי אַזוי צו האַנדלען, אָבער פונדעסטוועגן, זענען זיי בלוטיגע אָרימעלייט ל״ע. פון דער אַנדערער זייט, זענען דאָ מענטשן וואָס האָבן נישט קיין כשרונות און שכל, און זענען זייער רייך. **מוז מען על כרחך זאָגן, אַז אַלעס ווענדעט זיך אין דעם רצון פון דעם ’פּאַסטוך’ - דער אויבערשטער ברוך הוא.**

נאָכ’ן דאַווענען, איז צוגעקומען צו איהם אַ פאַרמעגליכער איד, וועלכער איז אַליין אויך אַ גבאי צדקה, און האָט איהם דערלאַנגט אין האַנט די סומע פון ... **אַכט הונדערט שקלים!...** ס’איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס יענער איד איז צוגעקומען צו איהם און איהם געגעבן געלט אָן דעם וואָס ער זאָל עס אַפילו בעטן פון איהם. **ער האָט אַלזאָ זוכה געווען אַז מ’זאָל איהם ווייזן פון הימל די ריכטיגקייט פון די ווערטער פונעם רמב״ן ז״ל, אַז ’הגזירה אמת וההריצות שקר’, און ווי דער אויבערשטער קען איהם שיקן זיין פרנסה אָן דעם וואָס ער זאָל זיך דאַרפן מטריח זיין דערויף.**

אויך האָט ער קלאָר געזעהן ווי ’אין אדם שומע לי ומפסיד’ - אַ איד האָט קיינמאָל נישט שאָדן פון אויספירן דעם רצון פונעם באַשעפער, ווייל טאַקע דערפאַר וואָס ער האָט זיך געשטאַרקט אויפ’ן יצר הרע און ער האָט געדאַוונט געלאַסן, נישט לויפנדיג דאַווענען ביי דעם פריערדיגן מנין, האָט ער זוכה געווען צו די מתנה פון אַכט הונדערט שקלים, אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן ’אַרבעטן’ דערויף...

**ז.** די גמרא דערציילט (סוכה נג.) אַז שלמה המלך ע״ה האָט אַמאָל געזעהן ווי דער מלאך המוות איז טרויעריג. ווען שלמה האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז צועלייגט, האָט דער מלאך המוות געענטפערט, אַז ער דאַרף ’צונעמען’ (הרג’ענען) די צוויי סופרים פונעם קעניג וואָס הייסן ’אליחרף’ און ’אחיה’. האָט שלמה המלך ע״ה גערופן די שדים און זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן נעמען די צוויי מענטשן און זיי ברענגען צו די שטאָט לוז, וואו דער מלאך המוות האָט נישט קיין שליטה. זיי האָבן אַזוי געטוהן, אָבער למעשה, ווען זיי זענען אָנגעקומען צו די טויערן פון לוז, האָט דער מלאך המוות זיי געכאַפּט און צוגענומען זייער נשמה.

אַ טאָג שפּעטער, האָט שלמה המלך ע"ה געזעהן ווי דער מלאך המוות איז אויפגעהייטערט און פרייליך. האָט ער איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז פרייליך, און דער מלאך המוות האָט איהם געענטפערט אַז די גזירה איז געווען ער זאָל זיי הרג'ענען טאַקע דאָרט וואו שלמה האָט זיי אַהינגעשיקט (אין לוז). האָט שלמה המלך ע"ה געזאָגט: 'רגלוהי דבר נש אינון ערבין ביה, לאתר דמיתבעי תמן מובילין יתיה' - די פיס פונעם מענטש זענען זיינע 'האַפטערס' אַז עס זאָל אויסגעפירט ווערן איבער איהם דער גזר דין. דאָס הייסט, די פיס וועלן איהם שוין פירן צו דעם אָרט וואו ער דאַרף אַוועקגיין פון דער וועלט ח"ו [נישט ווי יענע וואָס זאָגן, אַז יענער איז גע'הרג'עט געוואָרן ווייל ער איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס און אַ קאר האָט איהם גע'הרג'עט רח"ל, נאָר אדרבה, וויבאלד ס'איז נגזר געוואָרן אויף איהם אומצוקומען אין אַן עקסידענט וועגן דעם האָבן זיינע פיס איהם געפירט צו יענעם אָרט]. דאַרף מען דאָ פאַרשטיין צוויי זאַכן:

**ערשטענס**, פאַרוואָס האָט דער מלאך המות זיך געדאַרפט באַווייזן צו שלמה המלך ווען ער איז פרייליך, נאָך דעם ווי ער האָט שוין צוגענומען די נשמות פון די צוויי סופרים? גאַנץ רעכט דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז געקומען צו שלמה טרויעריגערהייט, איז עס געווען כדי שלמה זאָל 'ערלעדיגן' פאַר איהם אַז זיי זאָלן אָנקומען צום טויער פון דער שטאָט לוז, אָבער פאַרוואָס איז ער ווידעראַמאָל ערשינען פרייליכערהייט?

**צווייטענס**, וואָס האָט שלמה געזאָגט, אַז די **'פיס'** פון אַ מענטש זענען זיינע 'האַפטערס'. די צוויי סופרים זענען דאָך נישט געגאַנגען מיט זייערע פיס, נאָר די שדים האָבן זיי געטראָגן קיין לוז אויף שלמה'ס באַפעל.

נאָר די כוונה פון חז"ל איז, אַז דער מלאך המוות איז געקומען זיך רייצן מיט שלמה המלך ע"ה אַז **ער זאָל ווערן געפאַלן ביי זיך**, מיט די טענה, דו ביזט שולדיג אין דעם וואָס זיי זענען געשטאָרבן, ווייל אויב דו וואָלסט נישט באַפוילן פאַר די שדים צו פירן די צוויי סופרים קיין לוז, וואָלטן זיי דאָך געבליבן דאָ אויף זייער אָרט און דער מלאך המוות וואָלט זיי נישט געקענט הרג'ענען... שלמה המלך ע"ה, דער 'חכם מכל האדם', האָט אָבער גוט פאַרשטאַנען די כוונה פונעם יצר הרע, האָט ער זיך באַלד אָנגערופן: 'רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה'. דאָס הייסט, **די זאַך האָט קיין שום שייכות נישט מיט מיר... ס'איז אַזוי נגזר געוואָרן אויף זיי פון הימל**, און אויב איך וואָלט נישט באַפוילן אַזוי פאר די שדים וואָלטן זיי געגאַנגען אַהין מיט זייערע אייגענע פיס, ווייל די פיס פונעם מענטש זענען זיינע האַפטערס... **פאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ מיט ספיקות, נאָר 'בתומי אלך' - איך וועל זיך נישט אָפּלאָזן ח"ו פון מיין אמונה פשוטה ותמימה...**

**ח.** דער גאון רבי משה שטערנבוך שליט"א, בעל 'תשובות והנהגות', דערציילט, אַז ער האָט בשעתו - צענדליגער יאָרן צוריק - געהערט פון די מקורבים פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, אַז עטליכע רייכע אידן האָבן אַמאָל געזאָגט פאַר'ן סאַטמאַרער רב אַז זיי ווילן אויסהאַלטן פון זייער געלט אַ צייטונג וואָס זאָל געפירט ווערן נאָר לויט דעם דעת תורה און די ריינע השקפה פונעם רבי'ן. דאָס וועט האָבן אַ גרויסן תועלת צו פאַרשפּרייטן זיין שיטה. האָט דער סאַטמאַרער רב זיי געענטפערט, אַז ער דאַרף עס איבערטראַכטן.

נאָכן איבערטראַכטן דאָס ענין עטליכע טעג, האָט דער סאַטמאַרער רב זיי געזאָגט אַז ער איז נישט מסכים דערצו, זאָגנדיג, אַז ווען אַ מענטש לייענט אַ צייטונג, איז ער עלול צו טראַכטן אַז די וועלט פירט זיך לויט'ן דרך הטבע. די מענטשן 'פירן' די געשעעהענישן... ווייל אין דער צייטונג ווערט דאָך געשריבן, אַז די דאָזיגע פאַסירונג איז געווען דער רעזולטאַט פון יענע סיבה... אַזוי און אַזוי האָט פאַסירט ווייל יענער האָט געטוהן אַ געוויסן אַקט... א.ד.ג., און מ'דאַרף זיך שטאַרק היטן נישט גורם צו זיין אַז די לייענער זאָל אָנקומען צו טראַכטן מחשבות פון כפירה, נאָר זיי זאָלן אייביג געדענקען אַז אלעס איז פון דעם אויבערשטען. ער איז דער 'עילת כל העילות' און 'סיבת כל הסיבות', און דער רבי קען דעריבער נישט נעמען די אחריות אויף זיך...

אַ איד וואָס איז ליידער געווען זייער פאַר'צער'ט האָט אַמאָל געפרעגט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן (ברכות נד.) אַז דער מענטש איז מחויב צו דאַנקען דעם אויבערשטען ווען עס פאַסירט מיט איהם עפּעס שלעכטס ח"ו. ווי אַזוי קען מען זאָגן אַז דער מענטש וואָס אַלעס פירט זיך ביי איהם 'על מי מנוחות', און עס האָט מיט איהם גאָרנישט פאַסירט, דאַרף נישט דאַנקען דעם אויבערשטען, נאָר דער וואָס עס האָט פאַסירט מיט איהם אַן אומגליק ח"ו דאַרף יאָ דאַנקען און לויבן דעם באַשעפער? האָט הרה"ק רבי שלמה'קע איהם געענטפערט:

- דער סדר העולם איז, אַז ווען אַ מענטש קלאַפּט אָן אויפ'ן טיר פון אַ רייכן איד אַ נדבן, און יענער עפענט די טיר און בעט פון איהם צען דאָלאַר, איז דאָך דאָס אַ סימן אַז דער בעה"ב וויל איהם געבן אַ 'צוואָנציגער',

**חזק חזק ונתחזק - זיך כסדר מחזק זיין אין יעדע מצב**

'ויקח יוסף את שניהם, את אפרים בימינו משמאל ישראל ואת מנשה בשמאלו מימין ישראל, וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים ואת שמאלו על ראש מנשה (מח, יג).

**ווענן** די חילוקי דעות וואָס זענען דאָ אַנטשטאַנען צווישן יעקב אבינו ע"ה און זיין זון יוסף (וואָס יוסף האָט געשטעלט אפרים אויף די לינקע זייט פון יעקב און מנשה אויף יעקב'ס רעכטע זייט, און יעקב האָט געלייגט זיין רעכטע האַנט אויף דעם קאָפּ פון אפרים, און זיין לינקע האַנט אויפ'ן קאָפּ פון מנשה), שרייבט דער הייליגער שינאָווער רב זי"ע ('דברי יחזקאל', פרשתינו, ד"ה 'ויקח'), אַז יוסף האָט געמיינט אַז דער וואָס קומט תשובה טוהן דאַרף צום ערשט פאַררעכטן וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט, און דערנאָך זאָל ער טוהן מצוות און מעשים טובים, ווייל אַזוי לאַנג ווי דער מענטש פאַררעכט נישט זיינע חטאים, זענען אויך זיינע מעשים טובים נישט ווי געהעריג. יעקב אבינו ע"ה האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער מענטש וואָס וויל תשובה טוהן, דאַרף קוקן נאָר 'פון יעצט און ווייטער', צו טוהן וואָס מער מצוות און מעשים טובים, און דינען דעם באַשעפער מיט תורה און תפילה, און ער זאָל נישט וואַרטן צו פאַררעכטן פריער דאָס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט.

**זאָגט** דער שינאָווער רב זי"ע, 'מנשה' איז פון לשון פאַרגעסן (ווי דער פסוק זאָגט 'כי נשני אלוקים את כל עמלי'). האָט יוסף געשטעלט מנשה'ן אויף די רעכטע זייט פון יעקב, מרמז צו זיין אַז די מדה פון מנשה צו פאַרגעסן פונעם שלעכטן וואָס מ'האָט געטוהן, איז דער עיקר. דאָס הייסט, מ'זאָל קודם מתקן זיין אַלע עבירות וואָס מ'האָט געטוהן. אָבער יעקב האָט אויסגעדרייט זיינע הענט, כדי צו בענטשן אפרים'ען מיט זיין רעכטע האַנט, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז 'אפרים', וואָס איז

---

און צוליב דעם, פאַרלאַנגט ער פון איהם 'רעשט' אַ 'צענער', ווייל ער וויל איהם נישט געבן מער ווי צען דאָלאַר. אויב דער גביר וועט איהם זאָגן ער זאָל איהם געבן פופציג דאָלאַר, איז דאָס געוועהנליך אַ באַווייז אַז ער וויל איהם געבן פופציג דאָלאַר, נאָר ער גייט איהם דערלאַנגען אַ הונדערטער, און דערפאַר בעט ער 'רעשט' אַ פופציגער.

- דאָס זעלבע איז לענינינו - האָט הרה"ק רבי שלמה'קע פאַרגעזעצט. - **אויב דער אויבערשטער האָט צוגענומען פון איהם זיין טייערן קרוב ח"ו, ווייזט דאָך דאָס אַז עס איז אָנגעגרייט צו קומען אויף איהם אַ פיל גרעסערע טובה, און דער גרויסער סכום פונעם 'רעשט' וואָס מ'האָט פון איהם פאַרלאַנגט, 'ווייזט' אויף די גרויסע מתנה וואָס וועט קומען שפעטער.** ממילא, דאַרף דער מענטש דאַנקען דעם אויבערשטען דערפאַר, און נישט דער אַנדערער וואָס עס 'גייט איהם גוט', ווייל נאָר 'ער' וועט יעצט באַקומען אַ גרויסע שפע פון הימל. ווענן זיין חבר, האָט מען בכלל נישט גערעדט אין הימל...

און הרה"ק רבי שלמה'קע האָט צוגעגעבן, אַז דער מענטש וואָס זאַמלט נדבות ווען מ'בעט פון איהם 'פופציג', ווערט ער באַלד פרייליך (נאָך איידער ער האָט עפּעס באַקומען), ווייל ער ווייסט דאָך אַז יעצט וועט ער באַקומען אַ באַנקנאָט פון הונדערט דאָלאַר. דאָס זעלבע דאַרף דער מענטש דאַנקען דעם אויבערשטען מיט אַ פרייליך האַרץ **באַלד ווען עס קומט די רעה ח"ו**, ווייל שוין דעמאָלס זעהט ער מיט א אויג פון אמונה אַז ער איז אָנגעגרייט צו באַקומען גאָר אַסאַך גוטס.

מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליכע הוספה אויף דעם דאָזיגן וואָרט, פון אַ איד אַ צדיק שליט"א, ווייל לכאורה איז אומפאַרשטענדליך וואָס דער עושר טוט, פאַרוואָס דאַרף ער אַרויסנעמען פון טאַש אַ הונדערטער און פאַרלאַנגען רעשט, עס פעלן דאָך איהם נישט קיין 'פופציגער'ס, און פאַרוואָס גיט ער איהם נישט באַלד אַ פופציגער, און 'פטור אַן עסק'...

נאָר וואָס דען, ווען ער קומט געבן פאַר דעם אָרימאַן אַ פופציגער, וויל ער איהם פריער אויספּרובירן צו זעהן ווי ווייט ער פאַרלאָזט זיך אויף איהם אַז ער וועט איהם געבן דעם הונדערטער, און ערשט דאַן גיט ער איהם דאָס געלט. וועגן דעם שטעלט ער איהם אונטער אַ פּראָבע, דורך פאַרלאַנגען פון איהם פריער רעשט פופציג דאָלאַר, כדי צו זעהן אויב ער וועט געבן וואָס מ'פאָדערט פון איהם, איידער ער באַקומט זיין חלק וואָס ער פאַרדינט...

ממילא, **דאַרפן מיר זיך שטאַרקן און שטיין על המשמר צו גלייבן אויך אין שווערע צייטן ח"ו אין דעם באַשעפער, ווייל אין אַ מינוט וועט אויפשיינען די לעכטיגקייט און די טובות וועלן אָנקומען**, לאורך ימים ושנות חיים בעזהי"ת.

מרמז אויף 'עשה טוב', איז דער עיקר (פון לשון 'כי הפרני אלוקים'). דאָס הייסט, אויב דער מענטש וויל תשובה טוהן, דאַרף ער אָנהייבן מיט טוהן אַסאַך מצוות און מעשים טובים פון יעצט און ווייטער, און ער זאָל נישט וואַרטן ביז ער וועט מתקן זיין אַלעס וואָס ער האָט געזינדיגט ביז יעצט.

**אויף** דעם האָט יוסף געזאָגט צו יעקב, 'לא כן אבי כי זה הבכור', אויב ער וועט פריער תשובה טוהן אויף זיינע עבירות, וועלן די מעשים טובים וואָס ער וועט טוהן שפּעטער, זיין בעסער ווי די פריערדיגע מעשים טובים, און ממילא, איז מער כדאי צו בענטשן די סאָרט מדריגה.

**אויף** דעם האָט יעקב געענטפערט, 'ידעתי בני ידעתי', איך ווייס אויך אַז די דאָזיגע מדריגה איז זייער גוט, 'ואולם אחיו הקטן יגדל ממנו' - ווייל ס'איז זייער שווער פאַר אַ בעל תשובה צוצוקומען צו די מדריגה צו פאַררעכטן פריער אַלעס וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט, אָבער צו די מדריגה פון פאַרמערן תורה און מצוות תיכף, קען מען צוקומען לייכטער, עכ"ל.

**אַזוי** האָבן צדיקים געטייטשט (זעה 'בית אהרן', ליקוטים, דף קמג. אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע) דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מח, כ) 'ויברכם ביום ההוא לאמור'. אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געבענטשט די קינדער פון יוסף, אַז עס זאָל שטענדיג שטיין פאַר זייערע אויגן נאָר דער היינטיגער טאָג ('ביום ההוא'), און זיי זאָלן זאָגן פאַר דעם יצר הרע, מיר האָבן נישט קיין שייכות מיט אונזערע מעשים פון נעכטן וואָס זענען נישט געווען אין אָרדענונג[ט], און אויך נישט מיט'ן

---

**ט.** דער אוהעלער רב, הרה"ק רבי משה יוסף טייטלבוים זי"ע, אַ זון פון הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע, איז אַמאָל געפאָרן אויף אַ שבת (פאַר די ימים נוראים) צו זיין פעטער, הרה"ק בעל 'דברי יחזקאל' זי"ע (דער שווער פונעם אוהעלער רב, הרה"ק רבי דוד'ל קשאַנובער זי"ע, איז געווען אַ ברודער פון שינאַווער רב). מוצאי שבת, ווען דער אוהעלער רב האָט שוין געוואָלט אַהיימפאָרן, האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין הויף פונעם שינאָווער רב מיט אַ שטאַרקע צובראָכנקייט, טראַכטנדיג ביי זיך, מיט וואָס פאַר אַ רוחניות'דיגע קנינים פאָר איך אַהיים פון דאָ...

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט מען געעפענט די טיר פון שינאָווער רב'ס צימער, און דער שינאָווער רב האָט אַריינגערופן דעם אוהעלער רב, און איהם דערציילט ווי פאָלגענד:

- ווען כ'בין געווען יונג, בין איך אַמאָל געפאָרן אויף אַ שבת קיין בעלז, צום הייליגן שר שלום זי"ע. נאָך שבת, האָב איך זיך אַרומגעדרייט זייער צובראָכן, מיט וואָס פאָר איך צוריק אַהיים... איז דער בעלזער רב זי"ע מיר אַנטקעגן געקומען, און מיר געזאָגט: **זאָלסט וויסן, יונגערמאַן, דער יצר הרע אַרבעט שווער אַריינצוברענגען אַ 'קאַלטקייט' אין די הערצער פון ערליכע אידן, און אויב דו וועסט מיך פרעגן ווי אַזוי, און אין וואָס באַשטייט די דאָזיגע 'קאַלטק'ייט', איז דער ענטפער אויף דעם, דורך דעם וואָס ער גיט אַריין אין האַרץ פון מענטש פסול'ע מחשבות, צו טראַכטן וועגן דעם עבר, איך האָב גאָרנישט געטוהן, איך האָב נישט גענוג 'קונה געווען', און ענליכע טענות**. וועגן דעם דאַרפסטו געדענקען, צו טראַכטן פון יעצט און ווייטער, נאָר אויפ'ן עתיד...

לויט דעם, טייטשט דער 'בנין דוד' (וועלכער איז געווען אַן איידים פון אוהעלער רב הרה"ק רבי משה יוסף זצ"ל הנ"ל) אויף די ווערטער פון די גמרא (שבת סג:) אויפ'ן פסוק (קהלת יא ט) 'שמח בחור בילדותך ויטיבך לבך בימי בחורותיך וגו', ודע כי על כל אלה יבוא האלוקים במשפט'. זאָגט די גמרא: 'עד כאן דברי יצר הרע, מכאן ואילך דברי יצר טוב'. זאָגט דער 'בנין דוד', אַז חז"ל האָבן געמיינט צו זאָגן, **'עד כאן'** - צו טראַכטן וועגן דעם וואָס איז געווען ביז היינט, דאָס איז **'דברי יצר הרע'**, ווייל דער יצר הרע וויל אַריינברענגען דעם מענטש אין יאוש דורך דעם וואָס ער וועט כסדר טראַכטן פונעם עבר. **'מכאן ואילך, דברי יצר טוב'** - צו טראַכטן 'פון יעצט און ווייטער', איז די עצה פונעם יצר טוב... (ח"ב, ליקוטי ש"ס כז:)

חז"ל זאָגן (מגילה י:) אַז איבעראַל וואו עס שטייט דאָס וואָרט **'ויהי'**, מיינט עס אַז עס איז געווען אַ **צער**, און אויף אַן אַנדער אָרט זאָגן חז"ל (ב"ר פמ"ב, ג) אַז איבעראַל וואו עס שטייט דאָס וואָרט **'והיה'**, איז עס אַ לשון פון **שמחה**.

טייטשן די ספרים בדרך צחות, **'ויהי'** - ווען מ'טראַכט אויף די פאַרגאַנגענהייט, איז עס אַ לשון פון צער, אָבער צו טראַכטן נאָר וועגן דעם עתיד, **'והיה'** - וואָס עס וועט זיין - איז אַ גרויסע שמחה...

מאָרגענדיגן טאָג[י]. מיר וועלן נישט ווערן געפאַלן ביי זיך צוליב אונזער פאַרגאַנגענהייט, אָדער צוליב דעם חשש און פחד וועגן דעם וואָס עס וועט פאַסירן מאָרגן... ניין, אַ איד דאַרף טראַכטן נאָר פון דעם היינטיגן טאָג[יא]. ער הייבט היינט אָן פונדאָסניי צו דינען דעם אויבערשטען[יב].

**דאָס** לייענען מיר אויך פריהר אין דער פרשה (מח, ב) 'ויתחזק ישראל וישב על המטה', ברענגט דער 'בעל הטורים', אַ 'מסורה', צוויי מאָל די ווערטער 'על המיטה': א) 'ויתחזק ישראל וישב על המטה'. ב) 'והמן נופל על המיטה' (אסתר ז, ח), ווייל די צדיקים, אַפילו

---

**י.** אמאָל חול המועד פסח, ווען הרה"ק רבי אברהם יצחק קאָהן זי"ע, אדמו"ר מתולדות אהרן, האָט באַזוכט דעם וויזשניצער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, האָט דער 'אמרי חיים' געזאָגט צום 'תולדות אהרן' רבי'ן, אַז דער יצר הרע איז געקומען צו איהם פסח ביינאַכט איידער ער האָט אָנגעהויבן זאָגן הלל, און פרובירט זיך טענה'ן מיט איהם, ווי אַזוי שטעלסטו זיך אַוועק זאָגן 'הלל' פאַר דעם אויבערשטען, אין דער צייט ווען דו ווייסט זייער גוט דיין נידעריגן מצב ברוחניות...

- האָב איך געזאָגט דעם יצר הרע - האָט דער 'אמרי חיים' ווייטער 'דערציילט'... - אַז ריכטיג טאַקע, נעכטן בין איך נישט געווען אַ 'וואוילער איד', און איך ווייס אויך נישט וואָס איך וועל זיין אין דער צוקונפט, אָבער איין זאַך ווייס איך יאָ, אַז **אין די יעצטיגע מינוט בין איך אַ וואוילער איד**, און ממילא, גיי איך זאָגן 'הלל' מיט'ן גאַנצן ברען...

(זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער וויזשניצער רבי זי"ע האָט דאס געזאָגט מיט זיין גרויס עניוות און שפלות הרוח, אָבער דער לימוד פאַר אונז אַלע פון דעם איז, אַז מ'טאָר נישט קוקן נישט אויפ'ן עבר, און נישט אויף דעם עתיד, נאָר אויף 'יעצט').

**יא.** די היינטיגע פרשה, ויחי, און חומש בראשית בכלל, ענדיגן זיך מיט די ווערטער 'ויישם בארון במצרים', און באַלד דערנאָך זאָגט מען 'חזק חזק ונתחזק'. דאַרף מען פאַרשטיין, מיר האָבן דאָך אַ כלל אַז מ'ענדיגט נישט אַ פרשה מיט אַן ענין וואָס איז נישט גוט, און אַוודאי איז די פטירה פון יוסף הצדיק נישט אַ גוטער ענין. נאָר מוז מען זאָגן, אַז דאָ איז יאָ דאָ עפּעס אַ גוטע זאַך... אַז כאָטש יוסף הצדיק איז נסתלק געוואָרן (וימת יוסף), און מ'האָט איהם שוין אַפילו אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן, און וואו? אין 'מצרים'... **פונדעסטוועגן, דאַרף מען זיך שטאַרקן - 'חזק חזק ונתחזק'. פון יעצט און ווייטער, הייבט זיך אָן אַ 'ניי בלעטל' אין מיין לעבן, און דאָס איז די גרעסטע טובה פאַר דעם מענטש, ווען ער ווייסט אַז ער דאַרף זיך מחזק זיין. אַזאַ הנהגה איז באמת אַ 'סיום' מיט אַ 'דבר טוב'.**

**יב.** חז"ל זאָגן (שבת קד.) 'הבא ליטהר מסייעין אותו'. אויב דער מענטש פאַלט נישט אַריין אין יאוש ח"ו, נאָר ער שטאַרקט זיך צו וועלן פאַרבעסערן זיינע וועגן, איז ער זוכה אַז מ'העלפט איהם פון הימל ער זאָל זיך באמת קענען שטאַרקן און באַנייען.

## מן הבאר

דער מענטש זאָל נישט זאָגן, איך בין דאָך שוין געפאַלן, און איך בין נישט שייך צו... נאָר אויך לויט זיין 'טענה', זאָל ער זיך שטאַרקן און **ער זאָל זיך מאַכן ווי ער איז אַ צדיק...** ווי עס שרייבט הרה"ק בעל התניא זי"ע ('ליקוטי אמרים' תניא, פרק כז) אויפ'ן פסוק (ויקרא יא, מד) 'והתקדשתם והייתם קדושים'. **'והתקדשתם' - איר זאָלט זיך מאַכן ווי איר זענט הייליג...** דאָס מיינט, אפילו אויב דער מענטש איז באמת נישט הייליג און אָפּגעשיידט פון די סטרא אחרא וכו', נאָר ער טוט איינגעמען זיין יצר הרע און ער הייליגט זיך, איז ער שוין אויך אין כלל פון 'והייתם קדושים'.

אַזוי האָט הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרה"ק רבי וועלוועלע זבאַריזער זי"ע (אַ זון פון הייליגן זלאָטשובער מגיד הרה"ק רבי מיכל'ע זי"ע - געברענגט אין ספר 'צרור החיים') אויף דעם לשון וואָס מ'פירט זיך צו זאָגן ווען מ'ענדיגט לייענען יעדן חומש פון די חמשה חומשי תורה, 'חזק חזק ונתחזק', אַז **אויב דער מענטש שטאַרקט זיך איין מאָל און נאָכאַמאָל, און ער איז זיך נישט מייאש, איז ער זוכה אַז מ'זאָגט איהם פון הימל 'ונתחזק' - קום, וועלן מיר זיך צוזאַמען שטאַרקן...** דאָס הייסט, דער אויבערשטער העלפט איהם און שטאַרקט איהם פון הימל.

ווען זיי זענען שוואַך שטאַרקן זיי זיך אויך, ווי דער פסוק זאָגט 'ויתחזק ישראל וישב על המיטה', און די רשעים, אַפילו ווען זיי זענען שטאַרק פאַלן זיי, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט 'והמן נופל על המיטה'. ממילא, דאַרפן מיר שטענדיג גיין אויפ'ן וועג פון די צדיקים [ווייל אַלע אידן זענען דאָך 'צדיקים', 'ועמך כולם צדיקים'], וואָס שטאַרקן זיך שטענדיג אין יעדן מצב, און ווערן נישט געפאַלן ביי זיך ח"ו אַזוי ווי המן, נאָר אויך אין צייט פון אַ 'ירידה', שטאַרקן זיי זיך[יג], און זענען זיך קיינמאָל נישט מייאש[יד].

**אויך** אין אַ מצב פון אַ נפילה ח"ו, קענען מיר ארויסנעמען אַ געוואַלד'יגע חיזוק פון די ווערטער פון הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע (פ' ויחי תרנ"א) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מט, ט) 'גור אריה יהודה, כרע רבץ כאריה וכלביא'. ברענגט דער 'שפת אמת' אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז דער כח פון יהודה איז געווען, אַז אַפילו ווען ער איז געווען אין אַ מצב פון שפלות ח"ו ('כרע שכב') האָט ער זיך געשטאַרקט אַזוי ווי אַ לייב און אַ לעמפערט ('כאריה וכלביא'), ווייל אויך דער לייב ליגט צומאָל און ער ווערט נאָך אַלץ אָנגערופן אַ 'לייב'. דער טעם דערפון איז, ווייל ער איז אייביג גרייט מיט זיין שטאַרקייט צו האַלטן מלחמה. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט יהודה, ביי די מעשה פון תמר, וואָס ער האָט מודה געווען אַז ער האָט געהאַט אַ טעות ('צדקה ממני').

**דאָס** דאַרף דינען אַלס אַ לימוד פאַר יעדן איד, אין וועלכן מצב ער געפינט זיך נאָר, אַז אויך אין אַ צייט ווען ער פאַלט, זאָל ער פאַרבלייבן מיט'ן כח פון

---

**יג.** מורא'דיגע דברי חיזוק, שרייבט דער קאָזשיגלוב'ער רב, הגאון רבי אריה צבי פראמער זצ"ל הי"ד, אין 'ארץ צבי', אויף דעם פסוק 'וירא ישראל את בני יוסף ויאמר מי אלה', זאָגט רש"י, אַז יעקב אבינו ע"ה האָט זיי געוואָלט בענטשן אָבער די שכינה האָט זיך אָפּגעטוהן פון איהם, ווייל ירבעם און אחאב זענען אָנגעגרייט אַרויסצוקומען פון אפרים און יהוא מיט זיינע קינדער - פון מנשה. אויף דעם האָט יעקב געפרעגט 'מי אלה' - ווער זענען די קינדער וואָס זענען נישט געבענטשט צו ווערן פון מיר.

דערנאָך זאָגט דער פסוק (פסוק ט') אַז יוסף האָט געזאָגט צו זיין טאַטן יעקב, 'בני הם אשר נתן לי אלוקים בזה'. זאָגט רש"י, אַז יוסף האָט געוויזן פאַר יעקב דעם שטר אירוסין און שטר כתובה וואָס ער האָט געהאַט.

זאָגט דער קאָזשיגלובער רב, מיר געפינען אין די משנה אָנהייב פרק חלק (סנהדרין צ.) אַז ירבעם און אחאב זענען פון די מענטשן וואָס האָבן נישט אַ חלק אין עולם הבא. די גמרא זאָגט אָבער (שם קד.) אַז די 'דורשי רשומות' האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן יאָ אַ חלק אין עולם הבא. זאָגט דער 'ארץ צבי' אַ טעם פאַרוואָס זיי האָבן יאָ אַ חלק אין עולם הבא, ווייל **יעדער איד האָט אין זיך אַן אינערליך 'פינטל', אַ 'נקודה פנימית' וואָס בלייבט אייביג הייליג און ריין, און עס ווערט קיינמאָל נישט נפגם ח"ו, און אַפילו אויב דער מענטש האָט גאָר אַסאַך געזינדיגט, אַזוי ווי ירבעם און אחאב, פאַרמאָגט ער נאָך אַלץ אין זיך אַ ריינעם און ציכטיגן פונק, וואָס מיט'ן כח פון דאָזיגן פונק האָט ער אַ תקנה**, ווייל דער אויבערשטער זאָגט צו די אידן (הושע ב, כ) 'וארשתיך לי לעולם', און וויבאַלד די 'אירוסין' צווישן דעם באַשעפער און כנסת ישראל זענען אויף אייביג ('לעולם'), איז נישט מעגליך אַז עס זאָל קאַלעי ווערן די עצם פנימיות פון אַ איד.

דאָס איז די כוונה פון רש"י, אַז יעקב האָט נישט געוואָלט בענטשן אפרים און מנשה ווייל ער האָט געזעהן ירבעם און אחאב, און אויף דעם האָט יוסף געוויזן פאַר יעקב דעם 'שטר אירוסין', דאָס מיינט (נישט יוסף'ס שטר אירוסין, נאָר) **דער 'שטר אירוסין' וואָס דער אויבערשטער האָט געשריבן מיט אידישע קינדער, וואָס דאָס ווייזט אַז יעדער איד קען האָבן אַ תיקון**, אַפילו אַזעלכע רשעים גמורים ווי ירבעם און אחאב. ממילא זענען זיי אויך ראוי געבענטשט צו ווערן.

**יד.** דער באַיאַנער רבי, הרה"ק רבי מרדכי שלמה זי"ע, פלעגט זאָגן, אַז די היינטיגע פרשה (ויחי) איז 'לויטער חיזוק', ווייל מיר געפינען אין די פרשה דריי מאָל דעם ענין פון 'התחזקות'. **א) 'ויתחזק** ישראל וישב על המיטה'. **ב)** שבת אין שול, ווען מ'ענדיגט לייענען די פרשה, זאָגט דער גאַנצער ציבור הויך אויפ'ן קול: **'חזק חזק ונתחזק'. ג)** אין די 'הפטרה', לייענען מיר די ווערטער וואָס דוד המלך ע"ה האָט באַפוילן פאַר זיין זון, שלמה המלך ע"ה (מלכים א' ב ב-ג) **'וחזקת** והיית לאיש, ושמרת את משמרת ה' אלוקיך ללכת בדרכיו'.

אַ לייב[טו]. ער זאָל זיך אויפשטעלן פון זיין נפילה און צוריקגיין צו זיין אָרט אַזוי ווי פריער[טז].

**מ'טאָר** קיינמאָל נישט ווערן געפאַלן ביי זיך פון די נסיונות, נאָר מ'דאַרף וויסן אַז נאָר מיט'ן כח פון די נסיונות און מלחמות וואָס מ'דאַרף פירן מיט'ן יצר הרע, קען מען שטייגן גאָר הויך[יז], אַזוי ווי דער 'שפת אמת' טייטשט (פ' ויחי תר"מ, ד"ה 'בפסוק') דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מט, כג-כד) 'וימררוהו ורבו וישטמוהו בעלי חיצים וגו' משם רועה אבן ישראל'. טייטשט דער 'שפת אמת': 'משם' - דייקא פון דאָרט, פון די 'קריגערייען' ('וימררוהו ורובו') וואָס יוסף האָט זיך

---

**טו.** איינער פון אונזער חבורה, אַ ירא שמים מרבים, האָט אונז דערציילט, אַז איינמאָל ווען ער איז געפאָרן אויף אַ שליחות קיין אַרגענטינע, האָט איינע פון די אָרטיגע רייכע אידן איהם גענומען אויף אַ שפּאַציר אין טיר-גאָרטן (זו'), וואו ער האָט געזעהן אַ וואונדערליכע ערשיינונג: די מענטשן וואָס האָבן באַזוכט דעם חיות-גאָרטן, האָבן געגעבן צו עסן רויע פלייש אין מויל פון די 'לייבן', שטייענדיג נעבן זיי אָן קיין מורא און אָן קיין פחד, ווייל יענע לייבן פירן זיך 'מענטשליך' מיט די באַזוכער, עפּעס מיט אַן אויסערגעוועגליכן 'דרך ארץ'... האָט דער איד זיך געוואונדערט פאַר זיין גאַסט-געבער, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, יעדע חדר-יונגל ווייסט דאָך, אַז אַ לייב איז אַ מסוכן'דיגע חיה וואָס פּאַרציקט יעדן מיט וועמען ער קומט נאָר אין באַרירונג. נו ווי אַזוי זיצן זיי דאָ און זאָגן נישט אַ וואָרט... האָט זיין גאַסטגעבער איהם ערקלערט, אַז די דאָזיגע לייבן ווערן פון זייער פריסטער יוגנט ערצויגן צוזאַמען מיט הינט, און זיי עסן די זעלבע שפּייז ווי די הינט... **עס פאַלט זיי נישט איין אַז זיי האָבן כוחות פון אַ לייב, נאָר זיי מיינען אַז זיי זענען נישט מער ווי הינט...** זיי כאַפּן בכלל נישט אַז זיי קענען 'צערייסן אויף שטיקער' יעדן מענטש וואָס שטייט פאַר זיי, אין אַ רגע...

דאָס זעלבע איז מיט אונז, מענטשן, **מיר דאַרפן אנערקענען אַז מיר האָבן אויסערגעוועגליכע כוחות פון אַ מענטש... און אַז מיר זענען אימשטאַנד אַנצוקומען גאָר הויך אין די מדריגות, און מ'טאָר נישט נתפעל ווערן פון די 'נפילות' מיט וועלכע דער יצר הרע 'פיטערט' דעם מענטש אַז ער איז 'שוואַך'.**

הרה"ק בעל 'יסוד העבודה' זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קמה, יב) 'להודיע לבני האדם גבורותיו'. 'גבורותיו' גייט אויף די שטאַרקייטן **פונעם מענטש. דער מענטש דאַרף וויסן זייערע אייגענע שטאַרקע כוחות, אַז ער איז אַ 'גיבור חיל'...**

**טז.** נאָך אַ זאַך, האָט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע געזאָגט: דאָס וואָרט 'יהודה' האָט אין זיך דעם גאַנצן שם הוי' ב"ה, אין צוגאָב צום אות דל"ת, ווייל דער אות דל"ת איז מרמז אויף 'דלות' (אָרימקייט), דאָס לערנט אונז, אַז **אויך איינער וואָס איז אָרים איז נישט אָפּגעריסן פון דעם באַשעפער ברוך הוא.** ער קען ווערן אין איין רגע דערנענטערט צו דעם אויבערשטען, אַזוי ווי פריער.

**יז.** נאָך די הסתלקות פון הייליגן צאַנזער רב זי"ע, האָט מען צוגעגרייט אַ נוסח פאַר די 'מצבה', וואו מ'האָט געשריבן צווישן אַנדערן, אַז דער צאַנזער רב זי"ע איז געווען אַ 'יחיד בדורו במצוות הצדקה', ווייל עס איז דאָך באַקאַנט די גרויסע צדקות וואָס דער צאַנזער רב האָט אַלע יאָרן פאַרטיילט פאַר אָרימעלייט. עס האָט דאָך ממש נישט איבערגענעכטיגט אַ פּרוטה אין הויז פון צאַנזער רב. ער פלעגט אַפילו באָרגן ריזיגע סומעס געלט צו פאַרטיילן פאַר אָרימעלייט, פאַר'משכון'דיג אַלע זיינע חפצים, ווי צום ביישפּיל, די חנוכה-מנורה איז אַ גאַנץ יאָר געלעגן אויף אַ קביעות'דיגן אופן אַלס אַ 'משכון' ביי רייכע אידן ביי וועמען מ'האָט גענומען הלוואות פאַר די צדקות.

ווען מ'האָט געוויזן דעם נוסח פון די מצבה פאַר זיין זון, דעם שינאַווער רב זי"ע, האָט ער נישט מסכים געווען דערצו (ווי באַקאַנט די גרויסע מדת האמת פון שינאַווער רב). האָט מען געפרעגט דעם שינאַווער רב, עס איז דאָך אמת אַז דער טאַטע איז געווען אַ יחיד בדורו אין די מדה פון צדקה? האָט דער שינאַווער רב געענטפערט: ס'איז דאָך מעגליך אַז ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם אָרט וואוינט אַ איד אַ בלוטיגער אָרימאַן ל"ע, וואָס מ'האָט פון איהם געגעבן געלט פאַר צדקה, און כאָטש ער האָט אַ שטוב מיט קינדער וועלכע גייען נעבעך אויס פאַר אַ שטיקל ברויט, און זיי גייען אַרום מיט צעריסענע שיך א.א.וו., און ער האָט אַוועקגעריסן פון זיך און געגעבן פאַר אַן אָרימאַן, כאָטש ער וועט דערנאָך גוט שפּירן ווי עס פעלט איהם דאָס געלט פאַר די קומענדיגע וואָכן. איז דאָך פשוט אַז אויך אַזאַ איינער קען גערעכנט ווערן אַלס אַ 'יחיד בדורו' לגבי די מצוה פון צדקה.

געקריגט מיט זיין יצר הרע, דייקא פון דאַרט איז ער דערהויבן געוואָרן צו ווערן דער 'רועה אבן ישראל'.

**אנכי אכלכל אתכם - דורך מיטפילן מיט יענעמ'ס צער קען מען איהם ריכטיג העלפן**

'ויקרבו ימי ישראל למות ויקרא לבנו ליוסף ויאמר לו אם נא מצאתי חן בעיניך שים נא ידך תחת ירכי ועשית עמדי חסד ואמת וגו', ושכבתי עם אבותי' (מז, כט-ל).

**זאָגט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע (אין ספר 'תורת משה', פרשתינו), די גמרא זאָגט (ב"ב קטז.) 'כל המניח בן כמותו כאילו לא מת'. דער מענטש וואָס לאָזט איבער אַ זון אַזוי ווי ער, איז גליך ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געשטאָרבן.

**ווען** יעקב אבינו ע"ה איז געקומען קיין מצרים, און געזעהן יוסף'ס גרויסקייט, זיין רייכטום און גרויסן כבוד, האָט יעקב מורא געהאַט אַז ער וועט איבערלאָזן אויף דער וועלט אַ זון וואָס פירט זיך נישט אין זיינע וועגן, ווייל יעקב האָט דאָך געליטן אין משך פון זיין לעבן אַסאַך צער און יסורים ל"ע, וואָס דאָס טוט אויסלייטערן דעם מענטש, אָבער יוסף לעבט דאָך רואיג רוב פון זיינע יאָרן (אכציג יאָר - פון די 30 ביז 110 יאָר - האָט יוסף געקעניגט אין מצרים), און אויב יוסף איז נישט ממש אַזוי ווי זיין טאַטע יעקב, וועט דאָך נישט גערעכנט ווערן פאַר יעקב ווי ער איז נישט געשטאָרבן.

**עס** שטייט אָבער אין זוהר הקדוש, אַז דער וואָס טוט אַסאַך צדקה און גמילות חסדים[יח], דאַרף נישט אָנקומען חלילה צו צער און יסורים רח"ל, ווייל דורך די גמילות חסדים וואָס ער טוט, ווערט ער דערהויבן[יט]

---

ווילן מיר צוגעבן פון אונזער זייט לעניננו, אַז דער טיטל 'יחיד בדורו במידת הקדושה' איז נישט שייך נאָר צו דעם 'צדיק יסוד עולם', וואָס איז הייליג 'מבואו ועד צאתו', נאָר **אויך איינער וואָס שטייט איינמאָל פאַר אַ שווערן נסיון, און ער 'רייסט' שטיקער פון זיך נישט צו נכשל ווערן ח"ו, און ער שטאַרקט זיך מיט אויסערגעווענליכע שטאַרקייט צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, ווערט ער אויך גערעכנט פאַר אַ 'יחיד בדורו במידת הקדושה'**, ווייל ווער קען דען אָפּשאַצן און מעסטן ווי שווער ס'איז איהם אָנגעקומען זיך צו שטאַרקן אויפ'ן יצר הרע. נאָר דער אויבערשטער, דער 'יודע תעלומות', ווייסט ווי שווער ס'איז איהם אָנגעקומען!

**יח.** אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה 'מאשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני מלך' (מט, כ), זאָגט דער של"ה הקדוש 'מאשר שמנה לחמו' - **אשר האָט זוכה געווען צו אַ גרויסע עשירות, ווייל** 'והוא יתן' - **ער וועט געבן פאַר אַנדערע מענטשן**, 'מעדני מלך' - **קעניגליכע מאכלים**. ער וועט נישט געבן פאַר אַנדערע שוואַכע מאכלים, נאָר פון די בעסטע שפּייז, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא ג, טז) 'כל חלב לה''. **אין זכות פון זיין ברייטהאַרציגקייט צו געבן פאַר אַנדערע מענטשן, האָט אשר זוכה געווען צו עשירות.**

דער של"ה הקדוש איז מוסיף, מיר געפינען אויך ביי אשר, אַז דער פסוק זאָגט (דברים לג, כד) 'ברוך מבנים אשר', און חז"ל זאָגן (ספרי פ' וזאת הברכה, שנה), אַז ס'איז נישט געווען נאָך אַ שבט וואָס איז געבענטשט געוואָרן מיט קינדער, אַזוי ווי אשר. זאָגט דער של"ה הקדוש, אַז **אין דעם זכות וואָס אשר האָט געגעבן פאַר אַנדערע מענטשן צו עסן 'מעדני מלך', האָט ער זוכה געווען צו קינדער**, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ב"ב י:) 'מה יעשה אדם ויהיו לו בנים זכרים' - וואָס זאָל טוהן דער מענטש, כדי זוכה צו זיין צו קינדער זכרים? זאָגט רבי אליעזר, 'יפזר מעותיו לעניים' - ער זאָל פאַרטיילן פון זיין געלט פאַר אָרימעלייט.

דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע טייטשט, אַז דער פסוק קומט צו לויבן אשר, אַז פאַר איהם אַליין איז געווען גענוג אַ שטיקל טרוקן ברויט ('לחמו'). עס איז ביי איהם געווען גליך ווי עס וואָלט געווען אַ פעט מאכל ('שמנה לחמו'), אָבער פאַר אַנדערע מענטשן, האָט אשר געגעבן 'מעדני מלך'...

**יט.** דער 'אַלטער' פון קעלם זצ"ל האָט דערציילט, אַז איין נאַכט האָט ער געזעהן אין חלום, אַז מ'רופט אויס 'רבינו יונה וועט געבן אַ דרשה אינעם 'מוסר הויז', און אַסאַך מענטשן זענען געגאַנגען הערן די הייליגע ווערטער פונם רבינו יונה. אויך ער (דער 'אַלטער') איז געלאָפן הערן דעם רבינו יונה'ס דרשה, אָבער ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט דער מלאך וועלכער איז געשטאַנען ביי די טיר - דער 'שומר הפתח' - איהם נישט אַריינגעלאָזט, זאָגנדיג, אַז ער איז נישט ראוי צו הערן די דרשה פונעם רבינו יונה.

צו די מדריגה פון איינעם וואס האט אלע זיינע יארן געליטן יסורים ל"ע.

**זאגט** דער 'חתם סופר', דער בעל יסורים ווערט אנגערופן אין זוהר הקדוש (דא"ט) 'מרא דירכין', און דער מענטש וואס טוט חסד און צדקה, ווערט אנגערופן 'מרא דידין'. אויף דעם זאגט דער פסוק, 'ויקרבו ימי ישראל למות'. ווען יעקב האט געזעהן יוסף'ס גרויסקייט און רייכטום, האט ער געמיינט אז יוסף איז נישט 'כמותו' - אזוי ווי ער. ממילא, האט ער חושש געווען, 'ויקרבו ימי ישראל למות', אז עס וועט זיין ביי איהם די בחינה פון מיתה ח"ו. צוליב דעם האט יעקב גערופן יוסף און איהם געזאגט, 'שים נא ידך תחת ירכי'. דאס מיינט, אז אנשטאט די יסורים וואס איך האב אלע יארן געליטן, וואס צוליב דעם ווער איך אנגערופן 'מרא דירכין', זאלסטו אנשטאט דעם נעמען אויף זיך צו טוהן חסד: 'ועשית עמדי חסד ואמת', און אזוי וועסטו זיין אין די בחינה פון 'מרא דידין'. דורך דעם וואס דו וועסט טוהן אסאך חסד און צדקה, וועסטו זיין גלייך צו מיר, און ממילא, וועל איך נישט זיין ווי 'געשטארבן'. עס וועט זיין נאר א בחינה פון 'ושכבתי עם אבותי', און נישט א מיתה ח"ו.

**אזוי** איז טאקע געווען, ווי די גמרא זאגט (תענית ה:) 'יעקב אבינו לא מת', יעקב אבינו איז נישט געווען אין דער בחינה פון 'געשטארבן'. עס איז נאר געווען ביי איהם א בחינה פון 'ליגן' נעבן זיינע אבות אברהם און יצחק.

**דאס** איז אויך די כוונה פון דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (נ, טו-כא) 'ויראו אחי יוסף כי מת אביהם'. ווען די שבטים האבן געזעהן אז עס גייט גוט פאר יוסף, האבן זיי געמיינט אז יעקב אבינו ע"ה ווערט גערעכענט ווי א 'מת' ח"ו ('כי מת אביהם'), ווייל ער האט דאך נישט איבערגעלאזט א זון אזוי ווי ער איז געווען. אויף דעם האט יוסף געזאגט צו זיינע ברידער: 'אל תיראו, אנכי אכלכל אתכם ואת טפכם'. איר דארפט זיך נישט זארגן, איך וועל שפייזן ענק און ענקערע קינדער, און טוהן מיט ענק צדקה און חסד[כ]. ממילא,

---

האט דער 'אלטער' אנגעהויבן אויסרעכענען (דאס אלעס אין חלום) פאר דעם מלאך זיינע זכותים פון הרבצת התורה און די שיעורים וואס ער לערנט פאר, אבער דער שומר הפתח האט זיך נישט געלאזט איבעררעדן. האט דער 'אלטער' איהם געבעטן ער זאל איהם אריינלאזן, ווייל ער איז א תלמיד פון הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל, אבער אויך מיט דעם האט דער שומר הפתח איהם נישט אריינגעלאזט, ביז ער האט געזאגט, אז ער איז דער טאטע פון 'רבי נחומ'קע', און דאן האט מען פאר איהם געעפענט אלע טויערן.

צומארגענס, האט דער 'אלטער' געפרעגט זיין זון רבי נחומ'קע, 'מה מעשיך'... - וואס זענען דיינע מעשים אזוי גרויס, אז נאר אין דיין זכות האט מען מיך אריינגעלאזט אין 'היכל' פון רבינו יונה? האט דער זון, רבי נחומ'קע, געענטפערט, אז שוין א לאנגע צייט וואס זיינע שיך האבן זיך צעריסן, און ער האט לאנגע חדשים אפגעשפארט א פרוטה צו א פרוטה, צו קענען קויפן פאר זיך א פאר שיך.

ווען ער האט שוין ענדליך געקויפט די שיך און ארויס דערמיט אויפ'ן גאס, האט ער באגעגנט א בלוטיגן ארימאן וואס האט אינגאנצן נישט פארמאגט קיין שיך. ער איז דעריבער געשפרינגען אויפ'ן שניי נישט וועלנדיג זיך פארקילן, און פון זיינע פיס האט נעבעך געריננען בלוט. רבי נחומ'קע האט פארשטאנען, אז דער ארימאן קוקט מסתמא מיט קנאה אויף זיינע נייע שיך. האט ער באלד אויסגעטוהן די שיך און זיי אוועקגעשאנקען פאר דעם ארימאן.

הערנדיג דעם ענטפער פון זיין זון רבי נחומ'קע, האט דער 'אלטער' זיך אנגערופן: זעהט נאר, **אלע מיינע מעשים טובים און זכותים פון הרבצת התורה, זיכוי הרבים און אנדערע מצוות וואס איך האב מקיים געווען, קומען נישט צו, צו דעם זכות פון מיין זון, וואס ער האט זוכה געווען ווען ער האט רחמנות געהאט און אוועקגעשאנקען זיינע שיך פאר דעם ארימאן.**

**כ.** עס האט מיר דערציילט אונזערס א ידיד נאמן, א חשוב'ער רב אין אמעריקע, אז דער מירער ראש ישיבה אין אמעריקע, הגאון רבי שמואל בירנבוים זצ"ל, האט איהם אמאל געפרעגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (נ, כ) וואס יוסף האט געזאגט צו זיינע ברידער, 'ואתם חשבתם עלי רעה אלוקים חשבה לטובה, למען עשה כיום הזה **להחיות עם רב**', און אויך ווען ער האט זיך געלאזט דערקענען צו די שבטים, האט יוסף געזאגט (לעיל מה, ה) 'ועתה אל תעצבו ואל יחר בעיניכם כי מכרתם אותי הנה, **כי למחיה שלחני אלוקים** לפניכם'.

וועט עס מיר געראַטן ווערן גלייך ווי איך וואָלט געהאַט יסורים ח"ו מיין גאַנץ לעבן, און דאַן וועט אונזער טאַטע זיין אין די בחינה פון 'הניח בן כמותו', און עס וועט איהם געראַטן ווערן אַזוי ווי ער לעבט.

דער אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן אַלע זוכה זיין צו 'חזק חזק ונתחזק', און זעהן די ישועה פון באַשעפער עין בעין, בשוב ה' שבות עמו, יגל יעקב ישמח ישראל, אמן.

---

האָט דער מירער ראש ישיבה איהם געפרעגט, צי דען צוליב 'למחיה שלחני', און אויך 'להחיות עם רב', האָט יוסף הצדיק געדאַרפט ליידן אַזוי פיל צער און יסורים דורכ'ן ווערן פּאַרקויפט קיין מצרים און אָפּשמאַכטן אין טורמע... האָט עס דען נישט געקענט מקוים ווערן אויף אַ מער 'מכובד'יגן' אופן, אַז מ'זאָל איהם שיקן ברענגען מיט אַ קעניגליכע קאַרעטע פון זיין טאַטן'ס הויז אין ארץ ישראל, ביז קיין מצרים? ער האָט דאָך געקענט באַזוכן אין תפיסה ביי דעם 'שר המשקים' און ביי דעם 'שר האופים', אַלס אַן איש מכובד, אָדער מ'זאָל איהם סתם רופן צו באַהאַנדלען דעם פּראָבלעם פונעם הונגער אין מצרים...

איז דער תירוץ, אַז **כדי צו פאַרשטיין דאָס 'האַרץ' פון אַ 'הונגעריגן' מענטש און איהם שפּייזן געהעריג, דאַרף דער רייכער מענטש פריער אַריבערגיין און שפּירן די זעלבע געפילן, ווייל נאָר אַזוי וועט ער קענען פאַרשטיין זייער האַרץ**. נאָר ווען ער וועט שפּירן אַ לעבן פון דחקות, אָרימקייט און נויט, קען ער פאַרשטיין דאָס האַרץ פונעם אָרימאַן אין זיין ענגשאַפט, און איהם שפּייזן געהעריג.

מיר האָבן שוין דערציילט, דער גאון רבי אליהו חיים מייזעל זצ"ל אב"ד לאָדזש, איז, ווי באַקאַנט, געווען באַרימט מיט זיינע ברייטהאַרציגע מעשי צדקה וחסד. איינמאָל, אין אַ קאַלטן ווינטערדיגן טאָג, איז רבי אליהו חיים אַריבערגעגאַנגען צום הויז פון איינע פון די רייכע אידן אין לאָדזש, ר' ישראל פּאָזמאַנסקי, וועלנדיג באַקומען פון איהם אַ שיינע נדבה צו קענען קויפן האָלץ פאַר די אָרימעלייט צו הייצן זייערע הייזער אין די גרויסע ווינטערדיגע פרעסטן.

ווען דער רב איז אָנגעקומען צום הויז פון ר' ישראל, האָט ער איינגעלאַדן דעם רב אַריינצוקומען צו איהם אין זיין וואַרימע היים, כדי צו שמועסן. רבי אליהו חיים האָט אָבער נישט געוואָלט אַריינגיין, און איז געבליבן שטיין אינדרויסן, פאָרנט פונעם הויז, און ער האָט דאָרט גערעדט מיט ר' ישראל אַ האַלבע שעה, וועגן דאָס, און וועגן יענץ... דערווייל איז געוואָרן קאַלטער און קאַלטער, און ווען די קעלט האָט שוין גוט 'אַריינגעדרינגען אין דיביינער' פון דעם רייכן ר' ישראל, האָט ער געזאָגט צום רב, רבי אליהו חיים: זאָל דער רב רחמנות האָבן אויף מיר, און אַריינקומען מיט מיר אין הויז, ווייל ס'איז מיר פשוט זייער קאַלט... האָט דער לאָדזשער רב איהם געזאָגט:

- יעצט האָב איך שוין ערלעדיגט וואָס איך האָב געוואָלט ערלעדיגן... איך בין דאָך געקומען אַהער כדי צו בעטן געלט פון דיר פאַר האָלץ צו הייצן פאַר די אָרימעלייט, און דו וועסט קיינמאָל נישט פאַרשטיין די אָרימעלייט, ביז דו וועסט שפּירן אויפ'ן אייגענעם לייב וואָס זיי שפּירן אַ גאַנצן טאָג יעדן טאָג פון די ווינטערדיגע טעג...

**אָט דעם כלל דאַרפן מיר געדענקען, אַז נאָר ווען מ'טוט מיטפילן מיט יענעמ'ס צער קען מען איהם ריכטיג העלפן. עס ליגט אַ חיוב אויפ'ן מענטש, אַריינצוגיין 'אין יענעמ'ס שיך', צו פּרובירן פאַרשטיין זיין געפיל, און דאַן קען מען איהם העלפן ווי עס דאַרף צו זיין...**

דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, איז אַמאָל ווינטער געגאַנגען אויף די 'הפסגה' גאַס אין די געגנט פון 'בית וגן' אין ירושלים, ווען עס האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען. דער רב האָט גזוכט וואו זיך צו שיצן פונעם רעגן, און עס איז איהם פּלוצלינג אַנטקעגן געקומען אַ יונגער בחור, וואָס ס'איז געווען קענטיג אויף איהם אַז ער לערנט נאָך אין 'ישיבה קטנה', און דער בחור האָט געעפנט זיין שירעם, וועלנדיג 'שיצן' דעם רב פונעם רעגן. דער שירעם איז אָבער געווען געאייגנט פאַר אַ בחור פון 13 יאָר, און נישט פאַר אַן עלטערן מענטש, אַזוי אַז רבי שלמה זלמן האָט זיך געדאַרפט אַראָפּבייגן כדי אַריינצונעמען זיין קאָפּ צווישן אינטערן שירעם. זיין קערפּער און די מלבושים זענען אָבער פול געוואָרן מיט די 'ברכת שמים', מיט'ן רעגן וואָס איז אַראָפּגעקומען אינדרויסן פון די 'גרעניצן' פונעם קליינעם שירעם.

אינצווישן איז אַדורכגעפאָרן אַ איד מיט אַ באַקוועמען קאַר, און ווען ער האָט געזעהן די שרעקליכע סצענע, ווי דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך ווערט 'אַדורכגעווייקט' פונעם שטאַרקן רעגן, האָט ער איינגעלאַדן

דעם רב אַריינצוקומען אין זיין קאר, און ער וועט איהם שיצן פונעם רעגן. האָט רבי שלמה זלמן געזאָגט: 'ניין, ניין, עס פעלט נישט אויס, איך גיי שוין מיט דעם בחור'...

פאַקטיש, איז רבי שלמה זלמן אָנגעקומען אין דער ישיבה 'קול תורה', מיט אַדורכגעווייקטע בגדים, אין דער בחינה פון 'טופח על מנת להטפיח'... די בני ישיבה האָבן זיך דערשראָקן און געפרעגט דעם גאון, פאַרוואָס ער איז נישט אַריין אין דעם קאר. האָט רבי שלמה זלמן געענטפערט:

- איך האָב געזעהן די הנאה וואָס דער בחור האָט געהאַט אַז ער קען מיר העלפן, ער שפּירט זיך גוט מיט דעם וואָס ער איז אַ 'בר הכי', און איך האָב נישט געקענט צונעמען פון איהם דעם פאַרגעניגן...

פון די הנהגה פון רבי שלמה זלמן, לערנען מיר דאָ אַ גרויסן יסוד, אַז **אויך אַ קליין קינד איז אַ 'מענטש', וואָס מ'דאַרף זיך רעכענען מיט זיינע געפילן, און מ'טאָר נישט צונעמען ביי איהם זיינע 'פאַרגעניגענס'...** מיר זעהען אָפט מאָל טייערע אידן וואָס פאַרשטייען אַז מ'דאַרף זיך רעכענען מיט די געפילן פון אַ צוויטן מענטש, אָבער זיי פאַרשטייען נישט אַז אויך דער נפש פון אַ 'קטן', פון א יונג בחור'ל, איז אַ 'נפש', און מ'דאַרף איהם שענקען די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט.

אַמאָל ווען דער גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, בעל 'חזון יחזקאל', איז געגאַנגען אויפ'ן גאַס, האָט ער באַמערקט אַ קליין מיידל שטיין ביי דער זייט פונעם גאַס, און וויינט מיט הייסע טרערן. איז רבי יחזקאל צוגעגאַנגען צום קינד און איר געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט אַזוי. האָט דאָס קינד געענטפערט, אַז איר חבר'טע האָט איר פאַרשעמט, זאָגנדיג אַז דאָס קלייד וואָס זי טראָגט, איז נישט שיין... האָט הרב אַבראַמסקי אָנגעטוהן זיינע אויגן-גלעזער, און זיך געמאַכט ווי ער קוקט אויף איר, און ער האָט איר געזאָגט:

- גיי שנעל אַהיים צו דיין מאַמע און זאָג איר אין מיין נאָמען, אַז דו טראָגסט זייער אַ שיין קלייד...

איז דאָס מיידל שנעל אַהיימגעלאָפן, און דערציילט פאַר איר מאַמע וואָס דער רב האָט איר געזאָגט, און 'הכל על מקומו בא בשלום'... דערנאָך האָט הרב אַבראַמסקי געזאָגט צו זיינע נאָנטע, 'איך האָב זוכה געווען זיך אָנצוקלעבן אין די מידות פון דעם אויבערשטען. פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער טוט אָפּמעקן אַ טרער פון יעדן פנים - 'ומחה ה' דמעה מעל כל פנים', אַזוי האָב איך זוכה געווען אָפּצומעקן אַ טרער פונעם פנים פון אַ אידיש קינד'...

אַמאָל האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויפ'ן טיש פונעם גאון בעל 'חזון איש' זי"ע, גאַר אַ סאַך 'קוויטלעך' פון מענטש וואָס זענען געקומען צו איהם מיט פאַרשידענע הזכרות און בקשות, און דער 'חזון איש' האָט געהאַלטן די 'קוויטלעך' אויף אַ ספּעציעלן אָרט. ווען ס'איז שוין געוואָרן אַ גרויסער הויפן פון די 'קוויטלעך', האבן די מקורבים פונעם 'חזון איש' געוואָלט אַרויסוואַרפן די 'קוויטלעך' אין מיסט, אָבער דער 'חזון איש' האָט נישט געלאָזט אַרויסוואַרפן די קוויטלעך, זאָגנדיג: **'ווי אַזוי קען מען אַרויסוואַרפן אַ שטיקל פּאַפּיר וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט'ן 'תמצית' פון בלוט פון אַ אידיש האַרץ אין זיין קלעם?...'.**

אויך איז באַקאַנט, אַז ווען דער 'חזון איש' זצ"ל פלעגט אַרויסגיין פון הויז זיך צו באַטייליגן אין אַ שמחה, א.ד.ג., פלעגן אַסאַך מענטשן צוקומען צו איהם און זיך אויסגיסן פאַר איהם זייער צובראָכן האַרץ. אַזוי פלעגט מען איהם באַגלייטן ביז'ן קאַר וואָס האָט איהם אַהיימגעפירט. פלעגט דער 'חזון איש' זאָגן פאַר דעם 'דרייווער' פון די קאַר, אַז דאָס ערשטע שטיקל וועג זאָל ער פאָרן פּאַמעליך, און זיך נישט יאָגן, כדי **די פאַר'צרה'טע אידן זאָלן נישט מיינען אַז ער וויל 'אַנטלויפן' פון זייערע פּראָבלעמען...**

מענין לענין באותו ענין: אַ איד איז אַוועק פון דער וועלט און איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה. די קינדער האָבן זיך צעטיילט מיט'ן טאַטן'ס ירושה גלייך אויף גלייך, און אַלעס איז געווען אין אָרדענונג. עטליכע יאָר שפּעטער, האָט מען אָבער געפונען אַ גרויסן סכום געלט וואָס די קינדער האָבן פריער נישט געוואוסט דערפון, און ס'איז אַנטשטאַנען אַ שטיקל 'דין ודברים' צווישן די יורשים, צו וועמען עס געהערט דאָס געלט, און וויפיל יעדער איינער פון זיי זאָל באַקומען. ס'איז אָפּגעשמועסט געוואָרן אַז מ'וועט גיין צו אַ 'דין תורה'.

ווען איינע פון די יורשים, וואָס איז געווען מקושר בלב ונפש צו כ"ק הגה"צ רבי ישראל משה דושינסקיא זצ"ל, האָט געפרעגט דעם רב צי ער זאָל גיין צו 'דין תורה' וועגן דעם געלט, אָדער נישט, האָט רבי ישראל משה איהם געענטפערט:

- **געלט וואָס עס קומט דיר, מעגסטו פאָדערן, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז ווען אַ מענטש פאַרמיידט זיך פון גיין צו אַ דין תורה** (און ער איז מוותר אויף זיין חלק פונעם געלט) **באַקומט ער שכר מיט גוטע קינדער.**

יענער איד האָט זיך טאַקע צוריקגעהאַלטן פון גיין צום בית דין, און זיינע קינדער זענען באַקאַנט אַלס גאונים, רבנים און מרביצי תורה והוראה בישראל.

הרה"ח ר' משה ראַטמאַן שליט"א, וועלכער האָט זוכה געווען צו זיין אַ משמש בקודש ביים טאָהשער רבי'ן זי"ע, דערציילט, אַז אין דער צייט ווען עס האָט זיך גע'רעשט' איבער דעם עירוב אין ברוקלין (אין די געגענטן פון באָראָ פאַרק און וויליאַמסבורג), און אַלע האָבן גערעדט, 'יאָ עירוב, נישט עירוב'... 'מותר', אָדער 'אסור'... איז אַ איד געקומען צום טאָהשער רבי'ן, ער זאָל זאָגן זיין מיינונג איבער דעם, און צו וועלכן צד ער איז נוטה.

זאָגט ר' משה: איך האָב געזעהן אַז דער איד האָט אין האַנט אַ 'טעיפ רעקאָרדער', און עס האָט מיך זייער פאַרדראָסן די עזות און חוצפה פון דעם פאַרשוין, אַז ער וויל אַריינשלעפן דעם רבי'ן אין די מחלוקת, און בכלל, מיט וואָס פאַר אַ זכות ערלויבט ער זיך צו רעקאָרדירן דעם רבי'ן'ס ווערטער, כדי עס שפּעטער צו פאַרשפּרייטן אין דער עפנטליכקייט.

אַלס אַ געטרייער גבאי פונעם רבי'ן, האָב איך אַרויסגעשלעפּט פון דעם איד'ס האַנט דעם 'רעקאָרדער', און אַזוי איז זיין גאַנצער פּלאַן בטל געוואָרן, ווייל וואָס וועט ער טוהן אָן אַ 'באַווייז'... דער איד האָט זיך פאַרלוירן, און האָט אָנגעכאַפּט מיין באָרד, שלעפּנדיג עס און רייסנדיג ביז ער האָט מיר אַרויסגעריסן אַ שטיקל באָרד און עס האָט אָנגעהויבן רינען בלוט. דער רבי האָט עס געזעהן, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג... האָט דער רבי מיר געזאָגט, אַז איך בין מחויב איבערצובעטן דעם איד. האָב איך געזאָגט פאַר דעם רבי'ן, איך האָב דאָך געטוהן מיין פליכט מצד הצדק והיושר. דער רבי האָט מיר אָבער ווייטער געזאָגט: דו האָסט גורם געווען ער זאָל פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, און ממילא דאַרפסטו איבערבעטן דעם איד.

אַלזאָ, בלית ברירה האָב איך איבערגעבעטן דעם איד, אָבער יענער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז מיר מוחל, נאָר מיט'ן תנאי אַז איך וועל איך צוריקגעבן זיין 'טעיפ רעקאָרדער'... וויבאַלד אָבער צוליב דעם איז דאָך אַנטשטאַנען דער גאַנצער טומל, האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך קען איהם עס נישט צוריקגעבן, וואו ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די ווערטער פונעם רבי'ן איבער דעם עירוב. דאַן האָב איך צוגעגעבן: ווייסטו וואָס, איך וועל געבן דעם רעקאָרדער צום רבי'ן, און דער רבי זאָל טוהן ווי ער פאַרשטייט... איך האָב אַזוי געטוהן, און זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער רבי האָט עס צוריקגעגעבן צו יענעם איד...

אַ האַלבע שעה שפּעטער, איז דער טאָשער רבי זי"ע אַרויסגעקומען פון צימער, און זעהענדיג ווי דער גבאי איז זייער צובראָכן, שפּירנדיג אַז מ'האָט איהם באַשטראָפט, אנשטאַט מ'זאָל באַשטראָפן יענעם פאַרשוין וואָס האָט עס פאַרדינט, צוליב זיין חוצפה, האָט דער רבי צוגערופן רבי משה'ן, און איהם געזאָגט:

- קום, וועל איך לערנען מיט דיר אין דעם ספר 'נתיב מצוותיך', פון הרה"ק רבי אייזיקל קאָמאַרנער זי"ע, וואו ער שרייבט (נתיב מצוותיך', נתיב האמונה, שביל א, אות ד) בזה הלשון: **דער מענטש וואָס גלייבט אַז עס איז נישט דאָ קיין שום תנועה במקרה, היילט איהם די דאָזיגע אמונה פון אַלע זיינע קראַנקהייטן, און ער באַקומט גוטע מידות, ליב צו האָבן זיין חבר אפילו אויב ער האָט איהם געטוהן אַן עוולה און איהם פאַרשעמט, ווייל ס'איז נישט דאָ אַ 'מקרה' אויף דער וועלט - אַפילו נישט אַ קליינער דיבור. יענער איז געווען אַ שליח פון הימל דיר צו פאַרשעמען** וכו'.

ווייטער שרייבט דער הייליגער קאָמאַרנער זי"ע: **גיי אַרויס און קוק נאָך וועסטו זעהן, אַז אָן די גזירה פון באַשעפער איז נישט מעגליך אַז קיין שום באַשעפעניש זאָל דיר גורם זיין אַפילו אַ קליינעם צער, און דעריבער זאָלסטו אָננעמען מיט ליבשאַפט און מיט אַ פרייליך האַרץ אַלעס וואָס עס פאַסירט מיט דיר, און דאָס וועט היילן דיין נפש מער ווי הונדערט טויזנט תעניתים און סיגופים**, עכ"ל.

און דער גבאי זאָגט עדות, אַז דער רבי האָט גערעדט מיט איהם אַ לאַנגע צייט וועגן דעם ענין, ביז ער האָט זיך געשפּירט אַזוי ווי אַ נייער מענטש, פול מיט חיות דקדושה.

פון די דאָזיגע עובדא, קענען מיר לערנען אַ פּאָר וויכטיגע הלכות: **א.** כאָטש דער גבאי איז דאָך געווען גערעכט, און יענער מחוצף האָט געטוהן אַ דאָפּלטע עוולה, סיי מיט'ן פּרובירן אַריינשלעפּן דעם טאָהשער רבי'ן אין אַ מחלוקת ח"ו, און סיי מיט'ן באַפאַלן דעם גבאי, אָבער פונדעסטוועגן, ליגט אַ חיוב אויפ'ן מענטש צו זיין אַ וותרן, און זיך פירן מיט אַ הנהגה 'לפנים משורת הדין', און איבערבעטן יענעם, פאַר דעם וואָס ער האָט איהם גורם געווען צו פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט... **ב.** דער מענטש וואָס נעמט אָן בזיונות מיט ליבשאַפט, גלייבנדיג אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען - שפּאָרט זיך איין אַסאַך ווייטאָג בגוף ובנפש.

הרה"ק רבי יהושע'לע דזשיקובער זי"ע, בעל 'עטרת ישועה', האָט געהאַט רייכע חסידים, וועלכע פלעגן איהם געבן גרויסע 'פדיונות', יעדעס מאָל ווען זיי זענען אַריינגעקומען מיט 'קוויטלעך'. מיט דעם איז ער געווען אַנדערש ווי זיין טאַטע, הרה"ק בעל 'אמרי נועם' זי"ע, און זיין זיידע, הרה"ק רבי ר' אליעזר'ל זי"ע פון דזשיקוב (אַ זון פון הייליגן ראָפשיצער רב זי"ע), וואָס זיי האָבן געהאַט אָרימע חסידים.

אַמאָל האָט איינער געפרעגט דעם 'עטרת ישועה' ווי אַזוי ער האָט אַזעלכע רייכע חסידים, אין דער צייט וואָס דעם טאַטן'ס און דעם זיידן'ס חסידים זענען געווען 'קבצנים', האָט דער 'עטרת ישועה' געענטפערט מיט אַ משל:

אַ קבצן איז געשטאַנען אויף די גאַס אין וויען און געזאַמעלט נדבות ביי די דורכגייער. פלוצלינג האָט ער געזעהן אַ פאַרזאַמלונג פון מענטשן וואָס וואַרטן אַריינצוגיין אין אַ בנין. אויף זיין פראַגע 'לשמחה מה זו עושה', וואָס איז דאָ די גרויסע פאַרזאַמלונג פון אַזוי פיל מענטשן וואָס ווילן אַריינגיין אין דעם בנין, האָט מען איהם געענטפערט, אַז דאָ וועט באַלד פאָרקומען אַ 'שפיל', וואו עס וועט געוויזן ווערן ווי אַ שנאָרער שטייט און נעמט נדבות ביי מענטשן... האָט ער געפרעגט, 'מה יקר חסדו' - וויפיל געלט קאָסט עס אַריינצוגיין זעהן דעם דאָזיגן שפיל? האָט מען איהם געענטפערט, אַז די סומע פונעם איינטריט-געלט איז אַ רובל. האָט ער זיך געוואונדערט: אָט שטיי איך דאָ פאַר אייך, אַן אמת'דיגער 'קבצן', און נישט אַ נאָכמאַכער... און מיר, גיט מען נישט מער ווי אַ 'שוה פרוטה'... האָט מען איהם געענטפערט: יאָ, אַן אמת'דיגער קבצן איז טאַקע ווערד נאָר געציילטע פרוטות, אָבער פאַר אַ 'שפיל' צאָלט מען 'טבין ותקילין', ווייל די גאַנצע 'קונץ' איז צו זעהן איינער וואָס איז נישט אַ קבצן, און ער מאַכט זיך ווי אַ קבצן... ממילא, דאַרף מען צאָלן פאַר דעם שפיל אַ גאַנצן רובל...

און דער 'עטרת ישועה' האָט מיט זיין הייליגע מדה פון עניוות אויסגעפירט זיינע ווערטער, יאָ, מיינע הייליגע אבות זענען געווען אמת'דיגע צדיקים, ממילא, זענען זייערע 'פדיונות' געווען בלויז געציילטע פרוטות... אַזוי ווי דער אמת'דיגער 'קבצן', אָבער איך, בין דאָך נאָר אַזוי ווי אַ 'שפיל' פון אַ צדיק, און פאַר'ן 'שפילן' רעכנט מען מער געלט...

לענינינו, קען מען אפשר זאָגן לויט דעם, אַז **איינער וואָס איז נישט אַ צדיק נאָר ער 'מאַכט' זיך אַזוי ווי אַ צדיק און אַ קדוש... גיט מען איהם פון הימל אַסאַך, אַסאַך מער ווי פאַר אַ איינעם וואָס האָט נישט אַ שטאַרקן יצר הרע, ווייל די גאַנצע 'קונץ' איז דאָך 'זיך צו מאַכן'...**